# דער יוד

# (DER JUDE)

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואך.

פערלאג: חברה „אחיאסף".

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רוביל.
האלב יאהרליך —.3 רוביל:
פיערטעל יאהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 "
דען 1טען אויגוסט — 1 "

איינצעלנע נומערן 15 קאפ. — 30 העלער.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען,
האלביאהריג —.6 "
פירטעליאהריג —.3 "
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 "
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Krakau. 13 December 1900. | נומר 50. | קראקויא, כסלו תרס"א.


# חנוכה-נומער.

| ה. תרס"א ← וואכען-קאלענדער (לוח) ← 1900 | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| די טעג פון | | כסלו דעצעמבער-גרודזיען | | נייער ס. | אלט. ס. |
| חודש | וואך | | | דעצעמ. | דעקאב |
| כ"ד | זונטאג | | | 16 | 4 |
| כ"ה | מאנטאג | א' דחנוכה | | 17 | 5 |
| כ"ו | דינסטאג | | | 18 | 6 |
| כ"ז | מיטוואך | | | 19 | 7 |
| כ"ח | דאנערש. | | | 20 | 8 |
| כ"ט | פרייטאג | | | 21 | 9 |
| ל' | שבת | שבת מקץ. א' דר"ח. | | 22 | 10 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| כ"ד | ג' ת"ח | נעענדיגט דעם בנין בית-שני. |
| כ"ה | ג'תקצ"ז | האבען די חשמונאים בעזיגט דעם סירישען חיל. |
| " | ה'תקיט | געשטארבען אין ווילנא ה"ר שלמה זלמן, פאטער פון גאון. |
| " | ה'תקסט | " " " ה"ר אברהם, זוהן פון גאון. |
| " | ה'תרמה | געגרינדעט די קאלאניע „גדרה" אין ארץ ישראל. |
| כ"ו | ד'תתקנט | געשטארבען הראב"ד דער געגנער פון רמב"ם. |
| כ"ז | ה'שכ"ט | פערברענט אין פראג עקדה"ש ר' ישראל הורוויץ מיט זיין איידעם. |
| כ"ח | ה'תרלב | געשטארבען הג' ר' יעקב עטלינגער רב אין אלטונא. |
| כ"ט | ה' ת"מ | געשטארבען הג' ר' אהרן שמעון שפירא רב אין פראג. |
| ל' | ת' ק"ט | געהרג'ט פיעל יודען אין אויגסבורג. |
| " | ה' תס"ב | געשטארבען הג' ר' חיים בכרך („חות יאיר") אין ווארמס. |

אינהאלט:


א) חנוכה — י. ל.
ב) הנרות הללו. גערדיכט. — מאררים ראזענפעלד.
ג) הנרות הללו. סקיצע. — ל. פרץ.
ד) חנוכה-ליכט. געדיכט. — ל. יפה.
ה) ישראל'יק איז קראנק. א חנוכה-פאנטאזיע. — דר. איס-על.
ו) צו די חנוכה-ליכטליך. געדיכט. — ***
ז) דער זיידע מיט'ן חנוכה-לייכטעריל. סקיצע. — שלום אש.
ח) ווען כ'צינד די ליכטליך אן די אכט. געדיכט. — ***
ט) יהודית. היסטארישע ערצעהלונג. — ש. בן-ציון.
י) קאליקעס. ערצעהלונג. — מ. ספעקטאר.
יא) די יודישע וועלט.
יב) חנוכה-געלד. פעליעטאן. — שלום עליכם.



פיר רוסלאנד:
Verlag „Achiasaf", Warschau, Postkiste Nr 25, mündlich: Twarda 6, Thür 4.

אדרעססע:
Administration „DER JUDE", Krakau, Gertrudy 19.

II. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 50.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאַנץ-יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב-יאָהרליך —.3 רוביל.
פירטעל-יאָהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

# דער יוד

צייטשריפט
## פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פערלאַג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האַלביאָהריג —.6 „
פירטעליאָהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אַנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט 20 העלער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

Krakau, 13 December 1900. נומר 50 קראַקויא, כסלו תרס"א.

עס ווערט אנגענומען אבאָנעמענט אויף די צייטונג

## 1901 דער „יוד“ 1901

III יאהרגאנג.

די יעהרליכע אבאָנענטען פון דעם „יוד“ בעקומען יעדער:

א) 52 נומערען דער „יוד“, אין וועלכע עס נעמען אַנטהייל די בעסטע און בעליעבטעסטע יודישע שרייבער.

ב) 4 בענדער **וועלטגעשיכטע**, בעארבעט נאָך די נייעסטע און בעסטע קוועלען, ספעציעל פיר די אבאָנענטען פון „דעם יוד“ צום ביליגען פרייז פון 1 רובעל (פארטא 50 ק׳), 3 קראָנען (פארטא $1^1/_2$ קר׳).

אומזיסט אָהן שום צאַהלונג:

ג) 12 **בילדער פון יודישען לעבען**, געארבעט פון בעריהמטע קינסטלער און געדרוקט זעהר פיין.

דער ערשטער באַנד פון דער וועלטגעשיכטע וועט ערשיינען אין **יאנואר**.

**אבאנעמענטס-פרייז זיהע אויבען.**

## חֲנוּכָּה.

דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט און די הויכע אידעאַלען פון מוּסר, וועלכע האָבען אין דער צייט פון דעם ערשטען בית־המקדש געלעבט נור אין הארצען פון איינצעלנע מענשען, זענען אין דער צייט פון צווייטען בית־המקדש שוין געוואָרען אַ קנין פון דעם גאַנצען פאָלק. ניט אומזיסט האָט געקלונגען דאָס וואָרט פון די נביאים, ניט אומזיסט זענען געווען זייערע ליידען; דורך זייער אַרבייט, וועלכער זיי האָבען אַוועקגעגעבען זייער גאַנצעס לעבען, איז געהויבען און געשטאַרקט געוואָרען דער גייסט פון יודישען פאָלק, אַ דאַנק זיי איז דער אמת, פאַר וועלכען מען האָט זיי פריהער גערודפט, געוואָרען היילינ פאַר דאָס גאַנצע פאָלק.

נאָך דעם גלות בבל זענען שוין ביי יודען קיין געטצענדינער אין ערגיץ נישט געוועזען. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען איינינ אין זיין הויכען גלויבען. ווי טייער האָט דאָס פאָלק געהאַלטען זיין אמוּנה, וועלכע ער האָט אויסגעטראָגען מיט ליידען אין זיין געשיכטליכען לעבען, האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזען ביי דער ערשטער האַרטער פראָבע, וועלכע עס איז איהם אויסגעקומען אויסצושטעהען.

אונטער דער סירישער הערשאַפט איז פאָרגעקומען דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו רודפ׳ען פאַר׳ן גלויבען. ארץ־ישראל איז דאַן געווען איין טהייל פון דער סירישער מלוכה. די יודען אין ארץ־ישראל האָבען געהאַט זייער אייגענעם בית־המקדש, זענען געווען זעלבסטשטענדיג אין אַלע זייערע עניָנים פון אמוּנה, נאר פאָליטיש האָבען זיי אָבגעהאָנגען פון דער סירישער מלוכה.

אין סיריען, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע דעמאָלט בעקאַנטע לענדער, האָבען די גריכען געגאלטען פאַר דאָס געבילדעסטע פאָלק אין דער וועלט. די גריכען, וועלכע האָבען געהאַט קאָלאָניעס אין די ווייטעסטע לענדער, האָבען אומעטום אויסגעברייט די גריכישע שפראך און די ליעבע צו דער רייכער און שענער גריכיישער ליטעראַטור. די גריכען האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט דעם געשמאַק צו שענקייט, זייער דאַמאלדיגע קונסט געהערט נאָך עד היום צו די שענסטע אַרבייטען פון מענשליכען גייסט. ביי זייער הויכער בילדונג אָבער האָבען זיי קיינמאָל ניט דערשטיגען די הויכע אידעאלען פון מוסר, וועלכע דאָס יודענטהום האט געשאַפען. דער גלויבען איז ביי די גריכען געבליבען אַ געטצענדינערישער, און דער שאַרפער אונטערשיעד, וואו אויף איין זייט האָט מען געזוכט דעם אמת אין גלויבען און מוסר, און אויף דער אַנדער זייט האָט מען געזוכט די שענקייט אין לעבען און אין קונסט, האָט אויסגעגראָבען אַ טיעפע גרוב צווישען דיביידע געבילדעסטע פעלקער פון דער אַלטער וועלט. די יודען און די גריכען זענען געווען צוויי פערשידענע וועלטען, וועלכע זענען זעלבסטשטענדיג אויסגעוואַקסען אַליין פון זיך. די בעגעגעניש פון די בידע גייסטיגע וועלטען האָט געדאַרפט זיין זעהר וויכטיג פאַר זיי ביידען, איינע פון דער אַנדערער וואָלט געהאַט וואָס צו לערנען און אין וואָס זיך נאָכצוקוקען.

דאָס אומגליק איז אָבער געווען, אז אין ארץ ישראל איז דאָס יודענטהום צוזאַמענגעקומען ניט מיט די בעסערע פערטרעטער פון גריכיישער בילדונג, נאָר מיט די פערשידענע אַזיאטען, וועלכע האָבען אָנגענומען די פרעמדע קולטור, און ביי וועלכע די גריכישע שענקייט איז פערגראָבט געוואָרען נור אין אַ אויסגעלאַסענעם לעבען און אין אַ גראָבען געטצענדינסט, אָהן די גוטע און שענע זייטען פון דעם גריכישען גייסט.

די אויסברייטונג פון אַזא קולטור צווישען די יודען, וואס זענען געווען איינגעוועהנט צו אַ פשוט׳ען עהרליכען לעבען, האָט געבראַכט זעהר פיעל שאַדען. דער האַנדעל מיט די גריכען האָט געשאַפען רייכקייט, און מיט איהר צוזאַמען זענען אויך אין ארץ־ישראל אַריבער די שלעכטע מדות פון גריכישען לעבען.

מיט דעם אַליין וואָלט נאָך דאס אומגליק ניט אַזוי גרויס געווען, ווייל די אמונה אין איין איינציגען גאָט און די ריינקייט פון די מדות זענען אין פאָלק געווען גענוג שטאַרק איינגעוואָרצעלט, עס זאָל זיך קענען ראַנגלען מיט דעם, וואָס איז שלעכט און פאַלש. גרויס איז געוואָרען דאָס אומגליק נור דורך דעם ווילדען סירישען הערשער אַנטיאָך עפיפאַן, וואָס האט מיט געוואַלד געוואָלט נייטהען די יודען אָנצונעהמען די גריכישע געטצענדינערישע אמונה. ווי אַ הערשער פון אַ

מלוכה האט ער געגלויבט נור אין די שטאַרקייט פון זיין שווערד און האָט גערעכענט אַז מיט דעם שווערד קען ער איבערמאַכען אַלע פֿעלקער פון זיינע מדינות אַזוי ווי ער וויל. די יודישע עקשנות האָט איהם ווייניג געשראָקען. וואס פֿאַר אַ בעדייטונג האָבען געקאָנט האבען פֿאַר איהם דאָס ביסיל יודען געגען זיינע גרויסע חילות? ער האט אָבער אין זיין רעכנונג אַ טעות געהאַט, ער האָט ניט געקאָנט אויסרעכענען די קראַפֿט פון גייסט, וועלכע איז געווען אויף דער יודישער זייט און וועלכע האָט ניט געקאָנט געבראָכען ווערען דורך געוועהר און חילות. דאס האָט ער ערשט שפּעטער דערזעהן, בעת זיינע גרויסע אַרמעען מיט די רייטער און די העלפֿאַנטען זענען געלאָפֿען פֿאַר דעם קליינעם יודישען היל, וואָס האָט זיך צונויפֿגעקליבען אונטער די מאקאבעערס פֿאהנען.

ניט גלייך האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה. אנטיאָך האָט דורך זיין היל גענומען נייטהען אומעטום די יודען צו דינען די גריכישע אָבגעטער, וועלכע מען האָט אויפֿגעשטעלט אין אַלע שטעדט אין ארץ ישראל, אָבער די יודען זענען געווען גרייט בעסער צו שטאַרבען, איידער זיך אָבצוזאָגען פון זייער אמונה, וואו עס איז פֿערקעפֿערט געוואָרען דער יודישער גייסט פון טויזענדיעהריגער געשיכטע. מען איז געגאַנגען צום טויט פֿאַר קדוש השם און די אָבגעטער האט מען ניט געדינט. דאָ האָבען די יודען צום ערשטען מאָל אַרויסגעוויזען די גבורה, וועלכע בעוואונדערט יעדען אין אונזער לאַנגער געשיכטע, ווען טויזענדער יודען האָבען אָבגעגעבען זייער לעבען, אום נור צו בלייבען טריי זייער פֿאָלק און זייער גלויבען.

די רדיפות פון אנטיוכוס׳ען זענען אָבער פֿאָרגעקומען ניט אין אַ פֿרעמדען לאַנד, נאָר אין ארץ ישראל, בעת דער יודישער גייסט איז געווען שטאָלץ און מוטהיג, בעת די יודען האָבען אין זיך געפֿיהלט די קראַפֿט ניט נור צו שטאַרבען פֿאַר זייער פֿאָלק און גלויבען, נאָר אויך פֿאַר זיי צו לעבען און מלחמה צו האַלטען.

מתתיהו מיט זיינע פֿינף מוטהיגע זיהן זענען די ערשטע געווען, וועלכע האָבען אויפֿגעהויבען דאָס פאָלק צו אַ מלחמה געגען די סירער. צו זייער פֿאָהן איז צוגעשטאַנען אַ היל, וואס איז געווען דער שטאַרקסטער אין דער וועלט. קיינעם פון מאקאבעערס היל האָט ניט געשראָקען דער טויט, די טיעפֿע איבערצייגונג אז אויף זייער זייט איז דער אמת האָט די יודען צו גבורים געמאַכט און זיי געפֿיהרט פון איין נצחון צו דעם אַנדערען, ביז די יודען האָבען אין גאַנצען אַראָבגעוואָרפֿען פון זיך די סירישע הערשאַפֿט און געוואָרען פֿריי און זעלבסטשטענדיג.

פון יענער צייט אָן, זינט יהודה המכבי האָט בעפֿרייט ירושלים פון די סירער און גערייניגט דעם בית־המקדש פון די גריכישע אָבגעטער, פֿייערט דאָס יודישע פֿאָלק פון יאָהר צו יאָהר דאָס אָנדענקען פון אונזערע גרויסע העלדען, וועלכע זענען אַזוי שטאָלץ און מוטהיג אַרויס אין מלחמה געגען דעם שטאַרקען שונא. אין די זכרונות פון די מאקאבעער ווילען מיר שעפּען נייען מוטה אין אונזערע שלעכטע צייטען און וועקען די איינגעשלאָפֿענע קראַפֿט פון פֿאָלק צום לעבען און צום קאמפף. י. ל.

## הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ.

אָ, איהר קליינע ליכטעליך!
איהר דערצעהלט געשיכטעליך,
מעשה׳ליך אָהן אַ צאהל,
איהר דערצעהלט פון בלוטיגקייט
בריה׳שאַפֿט און מוטהיגקייט,
וואונדער פון אַמאָל.

# פֿעלעטאָן.

## חֲנוּכָּה־געלד

אַ מעשה פֿאַר יודישע קינדער

פֿון שלום עליכם.

### א.

טרעפֿט, קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעסטער פֿון אַלע ימים־טובים?

חנוכה.

אַכט טאָג כּסדר נישט געהען אין חדר, עסען לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילען אין דריידיל און בעקומען פֿון אַלע זייטען חנוכה־געלד — נו, בעדאַרף מען נאָך אַ בעסערען יום־טוב?

ווינטער. דרויסען איז קאַלט, דער פֿראָסט ברענט מיט סכּנות, די פֿענסטער זענען פֿערקאָוועט, בעדעקט מיט שניי, צעמאָלט אויפֿ׳ן שענסטען אַרט און אין שטוב איז וואַרעם — מחיה נפשות. דאָס זילבערנע חנוכּה־לעמפּיל שטעהט צוגעגרייט נאָך פֿון בייטאָג. דער טאַטע געהט אום איבער שטוב די הענד אַרונטער און דאַווענט מעריב, אויסגעשטאַנען שמונה עשרה נעמט ער אַרויס פֿון טישקעסטיל אַ וועקסען לעכטיל (דעם שמש), זאָגט „עלינו״ און מאַכט צו אונז (צו מיר מיט מיין יונגערען ברודער מאָטיל) אויף לשון קודש:

— אי — אָ! שהוא נוטה שמים ויוסד הארץ, אי—נו—אָ!

איך און מיין ברודער מאָטיל פֿערשטעהען ניט וואָס ער מיינט און מיר פֿרעגען איהם:

— וואָס? אַ שוועבעלע?

דער טאַטע בעוויזט מיט דער האַנד אַהין אין קיך אַריין.

— אי—אָ—אָ! ועל כּן נקוה לך, אי—אָ—נו!

— וואָס? אַ קאָלאָדאַטשמעסער? אַ שעריל? דאָס אויבערשטע פֿונ׳ם שטייסעל?

— מט—אַי—אי—אָ—נו—פּע! אמי! אמי! ביום ההוא אחד ושמו אחד, די מאַמע! רופֿט אַריין די מאַמע, לאָז זי געהן הערען בענשען חנוכה־ליכטליך.

איך און מיין ברודער מאָטיל לאָזען זיך לויפֿען ביידע איינס איבער׳ן אַנדערען.

— מאַמע! גיכער, חנוכה ליכטליך!

— אוי, אַ מכּה איז מיר, חנוכה ליכטליך! — זאָגט די מאַמע און וואַרפֿט אַוועק אַלע אַרבייט אין קיך (מע האָט געקוילעט גענז, מע פּרעגעלט שמאַלץ, מע האָט געראַשטשינעט לאַטקעס) און לאָזט זיך לויפֿען אין שטוב אַריין, און נאָך איהר — בריינע די קעכין, אַ שוואַרצע יודינע מיט וואָנצים, מיט אַ פֿעט פּנים און מיט תמיד פֿעטע אויסגעשמירטע הענד. די מאַמע שטעלט זיך אַוועק אין אַ זייט און מאַכט אַ פֿרום פּנים און בריינע די קעכין בלייבט שטעהן ביי דער טיר, ווישט די הענד אינ׳ם קויטיגען פֿאַרטוך, טהוט אַ שמיר מיט דער פֿעטער האַנד איבער דער נאָז פֿון אונטען אַרויף און לאָזט איבער אַ שוואַרצען צייכען איבער׳ן גאַנצען פּנים. מיר זענען שטאַרקער פֿון אייזען, איך און מיין ברודער מאָטיל, אַז מיר האַלטען זיך איין און שיסען ניט אויס קיין געלעכטער.

דער טאַטע געהט צו מיט׳ן אָנגעצינדענעם שמש צום חנוכה לעמפּיל, בויגט זיך אָן און מאַכט די בּרכה מיט׳ן בעקאַנטען נגון: „ברוך אתה!“ און לאָזט אויס: „להדליק נר? של חנוכה!“

די מאַמע ענטפֿערט מיט גרויס יראת שמים „ברוך הוא וברוך שמו אָמן“, און בריינע שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ און מאַכט בשעת מעשה אַזעלכע פּיסקים, אַז איך און מיין ברודער מאָטיל האָבען מורא אַ קוק טהון איינס אויף דאָס אַנדערע.

„הנרות הללו שאנו מדליקין“ — זינגט דער טאַטע אונטער דער נאָז און שפּאַצירט אַרום הין און צוריק איבער׳ן זאַל, קוקט אויפֿ׳ן חנוכה לעמפּיל, זאָגט און זאָגט און הערט גאָר נישט אויף צו זאָגען. מיר וואָלטען וועלען עס זאָל שוין האָבען אַיין עק, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשעני, צום בייטעלי. מיר ווינקען זיך איבער, שטופּען אונטער איינס דאָס אַנדערע:

— מאָטיל, געה צו, זאָג איהם חנוכה געלד.

וֶוען אִיךְ זֶעה אַייךְ שְׁמִינְקְלֶענְדִיג,
קוּמְט אַ חָלוֹם פִינְקְלֶענְדִיג;
רֶעדְט אַיין אַלְטֶער טְרוֹים:
„יוּד, דוּ הָאסְט גֶעקְרִיגְט אַמָאל,
יוּד, דוּ הָאסְט גֶעזִיגְט אַמָאל“.
גָאט, דָאס גְלוֹיבְּט זִיךְ קוֹים!...

„ס'אִיז בַּיי דִיר אַ טָאלְק גֶעוֶוען,
בִּיזְט אַמָאל אַ פָאלְק גֶעוֶוען;
הָאסְט אַמָאל רֶעגִירְט,
הָאסְט אַמָאל אַ לַאנְד גֶעהַאט,
הָאסְט אַמָאל אַ הַאנְד גֶעהַאט“...
אַךְ, וִוי טִיעף דָאס רִיהְרְט!

אָ, אִיהְר קְלֵיינֶע לִיכְטֶעלִיךְ!
אַייעֶרֶע גֶעשִׁיכְטֶעלִיךְ,
וֶועקֶען אוֹיף מַיין פַּיין,
טִיעף אִין הַארְץ בֶּעוֶועגְט עֶס זִיךְ,
אוּן מִיט טְרֶעהְרֶען פְרֶעגְט עֶס זִיךְ:
וָואס וֶועט אִיצְטֶער זַיין?...

מאררים ראזענפעלד.

---

## „הַנֵרוֹת הַלָלוּ“.

— זיראָווסקי פּראַזדניק! מאַכט דער קוטשער און גיט אַ פֿייף און די פֿערד, וואָס האָבען גערעכענט זיך אָבצושטעלען ביי דער יודישער קרעצמע, פֿליהען ווייטער, ווי פֿייל פון בויגען גליטשט זיך דער שליטען איבער'ן פֿריש געפֿאַלענעם שניי...

דער גענעראַל, איין אָטסטאַוונאָי, מיט די עפּאָלעטען אין דער לענג, פֿון די קאַנטאָניסטען, האָט אויך בעמערקט דאָס איינאיינציגע פֿלעמיל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון דער פֿערפֿראָרענער שויב דורך דאָס לענגעכיג־קיילעכדיגע לעכיל, וואָס עס האָט זיך אַליין אויפֿגעטהויעט.

— וואָס פֿאַר אַ יום־טוב איז עס? טראַכט ער.

ער וויל זיך דערמאָנען נעמען פֿון יודישע ימים־טובים.

— „פּורים“, דערמאַנט ער זיך גראָד.

וואָס איז אַזוינס פּורים? ער דערמאַנט זיך זאפּערן... אַ ריח פֿון זאפּערן... ביי'ם טיש זיצט אַ פֿרעמדער יוד מיט אַ ברודיג רויטע פּאַציילע אין האַנד, אין דער פּאַציילע איז דאָ קופּערן און זילבערן געלד... ער וויל נאָך... ער דערצעהלט עפּיס אַ מעשה... קראַנקע קינדער... קימפּעטאָרען... צי איין עגונה...

מעהר געדענקט ער נישט...

ער האָט געהערט פֿון פּורים־שפּיעלער, נאר געזעהען האָט ער זיי נישט, ער פֿלעגט איינשלאָפֿען, איידער די פּורים־שפּיעלער זענען געקומען צו זיי... עק שטאָדט האָבען זיי געוואָהנט... אפשר האָט ער אַמאָל געזעהן און פֿערגעסען... צו מאָרגענס פֿלעגט מען אַרויסגעהען אויף שטאָלצען אין גאַס; ער האָט מורא געהאַט צו קוקען... מען קען אַראָבפֿאַלען. עס פֿלעגט איהם קאַלט ווערען אַרום האַרץ און דעם קאָפּ פֿערדרעהען...

דעם יוד מיט דער פּאַציילע געדענקט ער... אַ שוואַרצער יוד... אַ פּאָנפּאטער, ער פֿלעגט רעדען און שפּריצען מיט טאַביק פֿון דער נאָז...

— פֿי!

---

— וואָס עפּיס איך זאָל זאָגען חנוכה געלד?

— אַזוי, וואָרום דו ביזט קלענער, בעדאַרפֿסט דו בעטען חנוכה געלד.

— טאָמער פֿערקעהרט, דו ביזט עלטער, בעדאַרפֿסט דו בעטען חנוכה־געלד?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר רעדען פֿון חנוכה געלד, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער הערט ניט. שטיל, נישט געחאַפּט, געהט ער צו צום טישקעסטיל און צעהלט געלד. עס געהט אונז איבער אַ קליין פֿרעסטיל איבער'ן לייב, עס ציטערען די הענד, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקען אויף דער סטעלי, קראַצען זיך אונטער דער פּאָה, מאַכען זיך כלומר'שט קאַלטבלוטיג, גלייך ווי ניט אונז מיינט מען.

דער טאַטע טהוט אַ הוסט.

— המ... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ? וואָס איז?

— נאַט אייך חנוכה־געלד.

ב.

בעקומען אונזער חנוכה־געלד, לאָזען מיר זיך געהן, איך און מיין ברודער מאָטיל, פֿריהער פּאַוואָלי ווי די סטאַטיקעס, און נאָכדעם גיכער און גיכער מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טענציל, און ביז מיר קומען אין אונזער חדר'ל אַריין קאָנען מיר זיך ניט איינהאַלטען, קוליען זיך איבער דריי מאָל מיט'ן קאָפּ אַראָב מיט די פֿיס אַרויף, שפּרינגען אויף איין פֿוס און זינגען אונטער:

איינגע ביינגע
סטופּא ציינגע
אַרצע באַרצע
גאָלע שוואַרצע
עימעלי ריימעלי
ביינעלי פֿיינעלי —
האָפּ!

און פֿאַר גרויס שִׂמְחָה און הִתְפַּעֲלוּת געבען מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקען.

— אַנו, מאָטיל, ווייז וויפֿיעל האָט דיר דער טאַטע געגעבען חנוכה־געלד?

— מאָטיל ווייזט מיר זיין חנוכה־געלד — אַ האַלב קערביל.

— נו, און דיר? פֿרעגט מיך מאָטיל.

— אַ קערביל.

— אַ קערביל?

— אַ קערביל.

— אַנו, ווייז!

— האָסט קיין מאָל ניט געזעהען קיין קערביל? — זאָג איך — אַ קערביל, אַ פּאַפּירען קערביל.

— געב מיר — זאָגט מאָטיל — אין האַנד, לאָז איך אַ טאַפּ טהון.

— טאַפּען? — זאָג איך — אָבער גאָר לאָ!

איך נעם דאָס קערביל, לייג דאָס צענויף אין פֿיערען, וויקעל דאָס איין אין אַ שמאַטקעלע און בעהאַלט דאָס ווייט — ווייט אין קעשעני און לאָז דאָרטען איבער די האַנד פֿאַר אַ שׁוֹמֵר.

איך זעה אַז איבער מיין קערביל געהט נישט אַיין מיין ברודער מאָטיל זיין חנוכה־געלד.

— קוק איהם אָן — זאָגט ער — ווי ער ציטערט אַביסיל! איך וועל דאָס דיר אָבבייסען צי וואָס?

— דו טאָרסט ניט זעהען — זאָג איך — ס'איז אַ שַׁעַטְנֵז.

— פֿאַר וואָס?

— אַזוי — זאָג איך — ווייל דו הייסט מאָטיל.

— נו איז וואָס אַז איך הייס מאָטיל?

— אַז דו הייסט מאָטיל, איז מאָטיל קאַפּאָטיל, — דרומען דראָטיל, — יוסף סאָטיל, — אֶרֶץ כְּנאָטיל.

— אַ חָכָם פֿון דער מַה נִשְׁתַּנָה אַרוים! — זאָגט מאָטיל מיט כַּעַס — יוסילע האָפּעלי, — נאַ דיר אַ טראָפּילי, — בייטשעלי שטעקעלי...

— און דערנאָך וואָס געהט?

דאַכט זיך איהם פּסח...

וואָס איז פּסח... עט... אין דער "הייליגער געשיכטע" שטעהט... מצרים... ירדן... ווייסט ער?!

ער געדענקט די מוטער, ווי זי פּוצט און רייבט די קלאַמקע פון טיהר... דיקע טראָפּען שוויים רינען איהר פון פּנים...

דערנאָך: מַצות.

עס ווערט איהם וואַרם אַרום אַלטען האַרץ:

— צי בענוצען זיי דערצו בלוט, צי ניין?

ער האָט קיינמאָל אין דער היים פון בלוט נישט נעהערט... דאָרט זאָגט מען אָבער אויף זיכער... אין אָנהויב האָט ער זיך געשפּאַרט... אַצונד ווייסט ער שוין אַליין נישט... אַ קַשְׁיָא אויף אַזוינע לייט!

נאר שען גלאָז איז געוועזען ביי'ם טיש... איין בעכער אין עק טיש, אַ גרויסער, מיט רויטע בילדער...

עפּיס אויף אַ גאַסט האָט מען געוואַרט.

צי איז ער געקומען? ער געדענקט שוין נישט.

---

דערנאָך נעדהט אַ "גרינער" יום־טוב... "זיעלאָניע פּראַזדניקי"... ווי אַזוי זיי רופען עס, ווייסט ער נישט... גאָר נישט עפּיס, פּוטער־געבעקס קאווע... די ראָזינקיס, וואָס ער פלעגט אַרויסנאַשען, געדענקט ער...

עפּיס אַ קורצער יום־טוב...

ער געדענקט נור אַז דעם יום־טוב פלעגט דער פּאָטער שלאָפען שפּעט אין טאָג אַריין... פאַר וואָס, ווייסט ער שוין נישט...

דערנאָך נעהען "קוטשקי" —

דאָס אַלטע מויל פערקרימט זיך איהם מיט אַ הוזק־שמייכעל. "אַ יודישע דאַטשע אויפ'ן הויף... ביי די... ביי די... פוי!

ער געדענקט נאָך, עפּיס אַ פּרוכט פלעגט מען האַלטען, אַ ציטרין צי איין עפּעל... אַ בעזעמיל אין דער האַנד... און דערנאָך האָט מען די שטענדער געשמיסען...

ריינע געצענדיענער...

אַהאַ! דערנאָך פּעהנער...

---

ער פערפאַלט אין אַנדערע געדאַנקען... זיין ערשטער טריט אַרויף אויף דער לייטער, איז געוועזען אַ פּאָהן... סעוואַסטאָפּאָל! ער גיט נישט די פּאָהן... אַ פוס בריהט — ער האַלט! אַ האַנד הויבט אָן ברענען, ער האַפּט די פּאָהן אין דער לינקער האַנד אַריין... ער פאַלט אויף דער פּאָהן... דריקט זי צו מיט'ן בויך, מען קען זי נישט פערנעמען, ער בעקומט אַ שטאָך... פאַלט ערגיין אין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה... און — האַפּט זיך אויף אין שפּיטאַל...

דעם ערשטען קרייץ בעקומען!

— זשידי פּראָקלאַטיע! וועקט איהם דעם קוטשערס רופען...

מען פּאָהרט שוין לאַנגזאַם דורך אַ לאַנגע גאַס אין אַ שטעדטיל... איןביידע זייטען פענסטער קוקען אַרויס פלאַמליך... זיי ציטערן ווי פאַר שרעק און קוקען אַרויס...

פון אַ הייזיל געהט עמיין אַרויס און זינגט זיך איבער:

— הנרות הללו...

— שטאָ אָן סקאַזאַט איוואַן? פרעגט דער גענעראַל.

— אַ טשיאָרט יעוואָ, זשידאָ פּאַרהאַטאַוואָ, זנייעט, וואַשטע פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ!

דעם גענעראַלס אויער האָט דאָך געהאַפּט:

— "הנרות הללו"

יאָ, אַזוי מוז ער הייסען דער יום־טוב — "הנרות הללו"...

דער וועג ווערט צוריק גלאַט... די פערד רייסען זיך ווי טייוואַלאָנים, דער גענעראַל פערטראַכט זיך גאָר אָהן געדאַנקען.

ל. פּר'ן.

---

איך נעם אַרויס מיין קערביל, גלעט דאָס און דרעה דאָס אויף אַלע זייטען און זינג מיר שטילערהייד:

— אַ קערביל!... אַ קערביל!... אַ קערביל!...

און מיין ברודער מאָטיל פייערט, זידט ווי אַ קעסיל און שיט ווי פון אַ זאַק:

— יוסילע האָפּעלי, — נאַ דיר אַ טראָפּעלי, — ביטשעלי שטעקעלי, — נאַ דיר איין עפּעלי, — גנבה'ל שייגעציל, — נאַ דיר אַ קוילעטשיל....

און איך הער ניט אויף צו זינגען:

— אַ קער—ביל! אַ קער—ביל! אַ קער—ביל!

עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער פעטער בעני.

— הברה פלעציל, אייך קומט הנוכה־געלד!

דער פעטער בעני לייגט אַריין די הענד אין זשילעט קעשעני, נעמט אַרויס צוויי זילבערנע גילדען און גוט אונז הנוכה־געלד.

ג.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגען, אַז דער טאַטע און דער פעטער בעני זענען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער אַ דאַרער, דער פעטער בעני אַ קורצער אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ שוואַרצער, דער פעטער בעני — אַ געלער; דער טאַטע אַ מְרָהשְׁחוֹרָה'דיגער, אַ שווייגער, דער פעטער בעני — אַ פריילוכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַ גרויסען בויגען פּאַפּיר, צעווירט אויף קעסטעליך, שוואַרצע און ווייסע, הייסט אַריינטראָגען פון קיך פּאַסאָלים, שוואַרצע און ווייסע — דאָס וועט זיין אַ דאַמינע.

ד' מאַמע איז אין קיך, פּרעגעלט שמאַלץ און באַקט לאַטקעס, איך מיט מיין ברודער מאָטעל שפּילען אין דריידיל נֵס גָדוֹל הָיָה שָׁם, און דער טאַטע מיט'ן פעטער בענין זעצען זיך אוועק שפּילען אין דאַמינע.

— שוין לאַנג נישט געשפּילט אין דאַמינע — זאָגט דער טאַטע און געהט אַ גאַנג.

— איך געדענק שוין ניט אפילו ווי אַזוי מע געהט — זאָגט דער פעטער בעני אונגעהט אַ גאַנג.

— שוין לאַנג נישט געשפּילט אין דאַמינע — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָב דעם פעטער בענים אַ ציגעל.

— איך געדענק שוין ניט אפילו ווי אַזוי מע געהט — זאָגט דער פעטער בעני און שלאָגט אָב דעם טאַטענס צוויי ציגליך.

וואָס ווייטער ווייטער לאָזען זיי זיך אַריין אין דער שפּיעל, ווערען פערטיעפט, קייען די בערד, טרייסלען מיט די פיס אונטער'ן טיש און זינגען שטילערהייד ביידע איין ליעדיל.

— אוי וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען? — זינגט דער טאַטע מיט אַ נִגוּן פון דער גְמָרָא און קייט איין עק באָרד — זאָל איך געהן אַהער? וועט ער געהן אַהין. וועל איך געהן אַהין? וועט ער געהן אַהער. בעדאַרף מען בעסער געהן אַזאַ מין גאַנג.

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג. — העלפט איהם אונטער דער פעטער בעני מיט'ן זעלבען נוּסח.

— וואָס זשע בעדאַרף איך מורא האָבען? — זינגט דער טאַטע ווייטער — טאָמער שלאָגט ער מיר אָב יענץ ציגעל? וועל איך ביי איהם צונעמען צוויי ציגליך. אַ וואָס? טאָמער מיינט ער מיר שלאָגען דריי ציגליך?

— דריי ציגליך, דריי ציגליך, דריי ציגליך? — העלפט איהם אונטער דערפאַר בעני.

— אוי ביזט דו אַ טִפּוּש, בעני, אַ טִפּיש און אַ גרויסער! — זינגט דער טאַטע און געהט אַ גאַנג.

— ביזט אַליין אַ טפּוש, מיין ברודער, נאָך אַ גרעסערער! — זינגט דער פעטער בעני און געהט אַ גאַנג און פערהאַפּט זיך באַלד צוריק.

— פּע, בעני, אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָהן אַ נִגוּן און חאַפּט דעם פעטער בעני פאַר דער האַנד.

— אַ גוטער מָשָׁל! — זאָגט דער פעטער בעני — כָּל זְמַן איך האַלט אין מיטען אַ גאַנג מעג איך מיר געהן וואוהין איך וויל.

— ניין! — זאָגט דער טאַטע — אַ גאַנג איז פערפאַלען! מיר האָ־

# חנוכה־ליכט.

..Wenn alle Kerzen brennen, dann muss man staunen und sich freuen über das gethane Werk...
Und kein Amt ist beglückender als das eines Dieners am Licht.

Th. Herzl, (Menorah).

עס זענען די בלומען פערוועלקט,
עס זענען פערלאשען די שטראהלען;
עס איז מיט בזיון אין שטויב
די פאהן פון גבורים געפאלען;

ס'איז מאט און פערטרויערט דער בליק...
ס'איז לאנג שוין פערגעסען געווארען
דאס אלטע, דאס שטראהלענדע גליק,
די גרויסע אמאליגע יאהרען.

וואו איז אונזער יוגענד צושפרייט?
וואו זענען די יודישע פרויען?
וועם קען אונזער פאלק אין זיין נייט
זיין גליק און זיין צוקונפט פערטרויען?..

די חנוכה־ליכט פון אמאל
האט לאנג שוין פערלאשען דער שונא,
זיי לייכטען איצט דונקעל און שוואך
אויף מענשען דערשלאגענע קליינע.

זיי לייכטען נור דונקעל און מאט,
ווי ליכט פון הזכרת־נשמות,
אויף קברים פון נחת און גליק,
פון פרייהייט, פון מוטה און נחמות.

עס צינדט אן א אבל די ליכט
עס שטעהט ביי א קבר א אלמן...
ארום איז א פינסטערע נאכט
א פינסטערער גרויסער בית־עלמן...

* * * * * * * * * * * * * * * *

ווען וועלען שוין לייכטען די ליכט
אויף אנדערע בעסערע צייטען,
ווען וועלען מכבים ביי אונז
די קנעכט פון דעם גלות פערבייטען?..

ווען קומט אונזער קינפטיגער דור,
פול גבורה, פול האפנונג און גלויבען,
וואס וועט פון דעם שטויב אונזער פאהן,
די פאהן די צערטרעטענע הויבען?

וואו נעהמען מיר דיענער פון ליכט,
שמשים די לייכטער צו צינדען?
ווען קומט אונזער יוגענד צוריק
די וואונדען פון פאלק צו פערבינדען?

ווען קומט יענער דור: אונזער פאלק
זאל קענען אויף תמיד פערטרויען
דער יודישער יוגענד זיין גליק,
זיין צוקונפט - דען יודישען פרויען?

ווען וועלען די חנוכה־ליכט, —
די ליכט פון הזכרת־נשמות,

---

בען דאָך עפּ״ים נעשמועסט, בעני, בלא חרטה !

— חרטה ? — זאָגט דער פֿעטער בעני — וויפֿיעל מאָל מאַכט זיך אז דו האָסט חרטה ?

— איך ? — זאָגט דער טאַטע — ע, בעני, דערפֿאַר האָב איך דאָך פֿיינד מיט דיר צו שפּיעלען אין דאַמינע !

— ווער ושע נייט דיך זאָלסט מיט מיר שפּיעלען ?

— שוין ? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פּאַסאָלקילע ? — רופֿט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פֿון קיך מיט אַ פֿערפֿלאַמט פּנים און נאָך איהר ברײנע מיט א גרויסען פּאַלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס מיט שמאַלץ, פֿון די לאַטקעס ועצט אַ פּאַרע. אַלע לאָזען זיך צום טיש. איך און מיין ברודער מאָטיל, וואָס האָבען זיך פֿריהער אַביסיל געקריגט, געריסען ווי די קעץ, בעטען זיך גיך איבער, ווערען שָלום. און זעצען זיך צו די לאַטקעס מיט גרוים קַוָנָה.

ד.

ביינאַכט אויפֿ'ן געלעגער ליג איך און טראַכט; וויפֿיעל קען זיך אַ שטייגער ביי מיר צענויפֿקלויבען אַז אַלע פֿעטערם מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרובים וועלען מיר געבען חנוכה־געלד ? ראשית חכמה דער פֿעטער משה אהרן, דער מאַמעס ברודער, אפילו זעהר אַ קאַרגער, נאָר אַ נָגיד, אַ גביר. היינט די מומע פעסיל. נאָכדעם דער פֿעטער איצי און די מומע דבורה וואָס דער טאַטע און די מאַמע זענען מיט זיי ברוגז שוין פֿון כמה וכמה יאָהרען. היינט דער פֿעטער בײניש און די מומע יענטע ? היינט וואו איז אונזער שוועסטער איידיל ? און א״הר מאַן שלום זיידיל ? און אַלע איבעריגע קרובים ?

— מאָטיל, דו שלאָפֿסט ?

— יאָ, וואָס איז דען ?

— וויפֿיעל מיינסט דו וועט אונז געבען דער פֿעטער משה אהרן חנוכה־געלד ?

— פֿון וואַנען זאָל איך וויסען, אוך בין אַ נָביא ?

אין אַ מינוט אַרום :

— מאָטיל, דו שלאָפֿסט ?

— יאָ, וואָס איז דען ?

— עמיצער האָט אַזוי פֿיעל פֿעטערס מיט אַזוי פֿיעל מומעס ווי מיר.

— אָדער יאָ אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום :

— מאָטיל, דו שלאָפֿסט ?

— יאָ, וואָס איז דען ?

— ווי באַלד דו שלאָפֿסט, היינט ווי אַזוי רעדסט דו מיט מיר ?

— דו פֿרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפֿערן.

אין דריי מינוט אַרום :

— מאָטיל, דו שלאָפֿסט ?

— טססס — טררר — חילחולחיל — טססס...

מאָטיל חראַפּעט, חאָרחעלט, פֿייפֿט מיט דער נאָז, און איך זעץ מיך אויף אויף מיין בעטיל, נעם אַרויס מיין קערביל, גלעט דאָס, בעטראַכט דאָס.

— דאַכט זיך וואָס ? — טראַכט איך מיר — אַ שטיקיל פּאַפּיר, און וואָס קען מען דערפֿאַר ניט קויפֿען ? צאַצקעס, מעסערליך, שטעקעליך, בייטעליך, נים און קאָנפֿעקטען און ראָזינקעס און באָקסערען, און וואָס ניט ?

איך בעהאַלט דאָס קערביל צוקאָפּענס אונטערען קישען און לייען אָב קריאת שמע, קומט אַריין ברײנע פֿון קיך מיט אַ פֿולען פּאַלומעסיק מיט קערבליך . . . ברײנע געהט ניט, נאָר זי שוועבט אין דער לופֿטען, זינגט הנרות הללו שאָנו מדליקין, און מאָטיל שלינגט קערבליך ווי די האַליש־קעס. „מאָטיל ! — שריי איך מיט אַלע כחות — גאָט איז מיט דיר, מאָטיל וואָס טהוסט דו ? ק ע ר ב ל י ך ? ? ? ?"

איך חאַפּ זיך אויף און שפּיי איים דריי מאָל : „טפו—טפו—טפו—אַ חלום !" —

און ווער אַנשלאָפֿען.

ה.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה, אָבגעדאַווענט און איבערגעביסען, טהוט אונז אָן די מאַמע אין קעצעני טוליפּליך, וויקעלט אונז איין אין גרויסע וואַ־

דֶעם וואַנְדֶערֶער ווייזֶען דֶעם וועג
צוּ פְרייהַייט, צוּ גְלִיק אוּן נֶחָמוֹת?

וֶוען וֶועט פַאר אוּנְז אוֹיפְגֶעהְן דִי זוּן,
עֶס זָאלֶען שוֹין אָנְהוֹיבֶּען בְּלִיהֶען
דִי בְּלוּמֶען, וָואס זֶענֶען פֶערְוֶועלְקְט,
דִי בְּלוּמֶען, דִי בְּלוּמֶען פוּן צִיוֹן?!...

ל. יפה.

---

# יִשְׂרָאלִ׳יק אִיז קְרַאנְק.

(אַ חנוכה פאַנטאַזיע)

פון דר. איס—ער.

1.

איך געה אַרום הין און צוריק דורך דעם לאַנגען ברייטען חֵדֶר... אין קאָפּ דולט און דולט... און מיר דאַכט זיך, אַז וואָס גיכער איך וועל שפּאַנען, וואָס קלאַפּענדיגער עס וועלען זיין מיינע טריט, וועט מיר אַלץ רוהיגער און ליכטיגער ווערען אין צוטראָגענעם מֹחַ... און איך געה אַלץ גיכער הין און צוריק...

די זון לאָזט זיך שוין ערגעץ וואו אַראָב; אין שטוב ווערט טונקעלער און טונקעלער... איך קען שוין קוים דערקענען דאָס פָּנִים פון דער באַבעניו, וועלכע זיצט איצט ביי׳ם פענסטער איינגעטוליעט אין אַ טוך, מיט אַ׳ן אונטערגעשפּאַרטער באַק...

פון מיינע טריט ווערט די פינסטערע שטוב אַלץ הילכיגער און הילכיגער... עס טאַנצען די שטוהלען, די ביינקליך אַרום מיר... דאָס ווייסע לאָמפּ־גלאָז זעגט מיר אין אויער מיט זיין פערפראָרענעם ציטעריגען קול׳כיל.

פון די הוזשעריי און קלאַפּעריי הויבט מיר אָן דער קאָפּ נאָך מעהר צו דולען... איך וועיך אוים דעם הינקעדיגען טיש, וואָס טאַנצט מיר נאָך מיט אַ מאָדנעם הֶן ביי איטליכען טריט מיינעם... איך וואַרף בייזע בליקען אויפ׳ן ווייסען לאָמפּ־גלאָז; איך קריטץ׳ן מיט די ציינער אויף דעם אַלטען אויסגעטרוקענטען שאַף, וועלכער ברעכט זיך און קווייטשעט מיט אַ מאוס׳ען קול... איך פיהל, אַז אָט אָט וועל איך צוזאַמענקוועטשען די פויסטען, און שילטען, און זידלען, ווי אַ געבאָרענע מאַרקיודענע.

— „ישְׂרָאלִיק, ווערסט אֶפְשַׁר בענשען חֲנוּכָּה־ליכט?“ — טראָגט זיך פאַרבייא פאַר מיין אויער דער באַבעניו׳ס קול.

איך ענטפער ניט.

— „ווידער דער קאָפּווייטאָג“ — הער איך שוין דייטליכער אַ ווייכע האַרציגע שטימע.

— „זיצט גאַנצענע טעג אויף די ביכער. עסט ניט, טרינקט ניט, אַלץ מיט די ביכער, אַלץ מיט זיין פערטראַכטקייט“ — וויינט ווידער אַ ווייכע האַרציגע שטימע.

אַ ביטער געפיהל הויבט זיך אויף, ווי אַ שטראָם, אין מיין ברוסט, און פערהאַפּט און פערשטיקט מיר דעם אָטהעם... איך ק ע ן ניט ענטפערן!

— וואָס פייניג איך די אָרימע באַבעניו, וואָס איז זי שולדיג! — שפּרינגט, ווי אַ פייל, דורך מיין מאַרך...

עס ווילט זיך מיר איהר טרייסטען, איהר פרעהליך מאַכען!... איך קען אָבער ניט... איך קען ניט!

די פיס טראָגען מיך דורך די שטוב, און די מעבעל טרייסלען זיך, ווי אין קַדַּחַת...

— „בענטיש, מיין זוהן, חנוכה־ליכט, ווערסט זעהען, ס׳וועט איבערגעהן“ — דערהער איך גלייך ווי מען רעדט איין אַ קליין קינד.

---

רעמע שאַלען, און מיר לאָזען זיך געהן נאָך חנוכה־געלד, פריהער פון אַלע מען געוויינטליך צום פעטער משה אהרן.

דער פעטער משה אהרן איז אַ יוד נישט קיין געוונדער, האָט צו טהון שטענדיג מיט׳ן מאָגען; ווען מע קומט טרעפט מען איהם נעבען האַנדפאַס ווישען זיך די הענד און זאָגען „אֲשֶׁר יָצַר“.

— אַ גוט מאָרגען, פעטער משה אהרן! — שיסען מיר אוים ביידע מיט אַמאָל, איך און מיין ברודער מאָטיל, און עס קומט אונז אַקעגען די מומע פעסיל, אַ יודינע אַ קליינינטשקע, איין אויג אַ שוואַרץ דאָס אַנדערע אַ וויים, דאָס הייסט איין ברעם אַ שוואַרצע די אַנדערע אַ ווייסע. די מומע פעסיל טהוט אונז אוים די טוליפליך, וויקעלט אונז אוים פון די שאַלען און שנייצט אונז אוים די נעזער אין איהר פאַרטוך.

— שנייצט אוים! — זאָגט די מומע פעסיל — גוט גוט שנייצט אוים! זשאַלעוועט ניט! נאָך! נאָך! אָט אַזוי!...

און דער פעטער משה אהרן, אין איין אַלט קעצין חאַלאַטיל, מיט אַ וואַטאָווע יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ, מיט וואַטען אין די אויערען און מיט אויסגעקראָכענע וואָנצים, שטעהט ביים האַנדפאַס, ווישט זיך די הענד, קנייטשט מיט׳ן פָּנִים, פינטעלט מיט די אויגען און קוועטשט: „נְקָבִים נְקָ—בִים! חֲלוּלִים חֲלוּ—לִים!“

איך און מיין ברודער מאָטיל זיצען אין געהאַקטע וואונדען. עס פאַלט אויף אונז אָן אַ פַּחַד, אַ קעלט, אַלע מאָל ווען מיר קומען אַהער. די מומע פעסיל זעצט זיך אַוועק אַקעגען אונז, לייגט צענויף די הענט אויפ׳ן האַרצען און נעמט אונז צום עקזאַמען:

— ס׳מאַכט דער טאַטע?

— גאָר ניט.

— ס׳מאַכט די מאַמע?

— גאָר ניט.

— געקוילעט גענז?

— געקוילעט.

— געפרעגעלט שמאַלץ?

— געפרעגעלט.

— געבאַקען לאַטקעס?

— געבאַקען.

— דער פעטער בעני געוועזן?

— געוועזן.

— געשפּיעלט אין דאָמינעס?

— געשפּיעלט.

און אַזוי ווייטער...

די מומע פעסיל שנייצט אונז אוים די נעזער נאָך אַמאָל און רופט זיך אָן צום פעטער משה אהרן.

— משה אהרן, מע בעדאַרף זיי עפּיס געבען חנוכה־געלד.

דער פעטער משה אהרן הערט ניט, ער ווישט זיך די הענד און לאָזט אוים מיט אַ קוועטש: „וּמַפְלִיא לַ—עֲ—שׂוֹת!“

די מומע פעסיל פוילט זיך ניט דערמאַנען איהם נאָך אַמאָל:

— משה אהרן, די קינדער חנוכה־געלד!

— האַ? וואָס? — מאַכט דער פעטער משה אהרן און לייגט איבער די וואַטען פון איין אויער אינ׳ם אַנדערען.

— די קינדער חנוכה־געלד!! — שרייט אוים די מומע פעסיל איהם גלייך אין אויער אַריין.

— אוי, דער באַאוך! דער באַאוך! מאַכט דער פעטער משה אהרן (ער רעדט אַביסעל בראָדיש) און חאַפּט זיך מיט ביידע הענד ביים בויך. — חנוכה־געלד ווילט איהר? וואָס דאַרפען קינדער געלד? וואָס וועט איהר טהון מיט׳ן געלד? האַ? אויסגעבען, צעטרענצלען, האַ? וויפיעל האָט אייך געגעבען דער טאַטע אייערער חנוכה־געלד? האַ?

— מיר אַ קערביל — זאָג איך — און איהם אַ האַלבם.

— קערביל?!! המ... מע באַלעוועט קינדער, מע מאַכט פון זיי אַ תֵּל! וואָס וועסט דו טהון מיט׳ן קערביל? האַ? צעבייטען? האַ? זאָלסט דאָס ניט צעבייטען! דו הערסט וואָס איך זאָג דיר, זאָלסט דאָס ניט צעבייטען! צי אפשר ווילסט דאָס צעבייטען, האַ?

— ניט צעבייטען, יאָ צעבייטען, וואָס געהט דאָס דיך אָן? — מישט זיך אַריין די מומע פעסיל — געב זיי אָב זייערס און לאָזען זיי געהן געזונדערהייד.

אַ אומעדיגער שמייכעל איז אַריבער מיינע ליפּען. איך קען שוין די באָבעניו'ס נאַרישקייטען, בְּעֵת זי ווינשט אַ איינִיקעל גוטס. וויפיעל מאָל פלעג איך זיך פרעהליך פונאַנדערלאַכען פון אַזעלכע רייד... איצט אָבער בין איך מיעד, מיעד... עס דולט מיר דער קאָפּ! עס צורייצט מיך נאָך מעהר! אָט שפּרינגט שוין אַרויס, ווי פון אַ פאָנטאַן, אַ ביטערעס געפיהל, ביטער ווי גאַל!..

— „צי ווילסט דו, איך זאָל צו פישעל דעם קרעמער געהן הנוכה־ליכט בענשען?" — הער איך ווידער די באָבעניו'ס שטימע, און אין איהר קול הערט זיך אַ פאַראיבעל.

— „פישעל דער קרעמער? הנוכה־ליכט?" —

די גאַנצע בלוט איז מיר אַריין אין פּנים; דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען, איך בין געוואָרען אֵש־לֶהָבָה.

— „פישעל!"

מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דער איינגעהויקערטער פישעל, מיט זיינע קנעכטישע הַעֲנִיוֹת, מיט זיינע היטרע קליינע לייפענדיגע אייגעליך — דער אֱמֶתע'ר מאוס'ער יוד מיט דעם טויזענדיאָהריגען גָלוּת אויף די פּלייצעס... און דער מְנֻוָל, וואָס האָט ניט קיין בּוּשָׁה פאַר זיך אַליין, וואָס פאַר אַ קאָפּיקע לאָזט ער זיך און זיין פאָלק טרעטען מיט די פיס צוואַנציג מאָל אַ טאָג, אָט דער בענשט הנוכה־ליכט לְכָבוֹד די חַשְׁמוֹנָאִים!!...

דורך מיין קראַנקען מאַרך איז דורך אַ ווילדע פאַנטאַזיע, און איך האָב אַ ווײַלע אויפגעהערט אומצוגעהען אין דער פינסטערער קלינגענדיגער שטוב.

מיר האָט זיך פלוצלינג אָבגעדוכט, אַז בְּעֵת פישעל האָט מיט אַ פערקאַטערטער נאָז געזונגען „הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ", זענען אַריין אין זיין שטיבּיל מַתִּתְיָהוּ כֹּהֵן גָּדוֹל מיט זיינע פינף זיהן. זיי זענען אַריין שטיל, אָהן אַ שום גערויש, אין לאַנגע ווייסע ליינענע קליידער, אַרומגעגאַרטעלט מיט גאָלדענע גאַרטלען, פון וועלכע ס'האָבען געבלאַנקט די שיידען פון די שווערדען. מיט גרויס פערוואונדערונג האָבען זיי געקוקט אויף פישעל'ס אַרבייט, וועלכער איז געשטאַנען מיט דעם רוקען צו זיי, עפּיס געבורטשעט אונטער דער נאָז, און איז געווען פאַרטהון מיט דעם צוקלעפּען פון אַ הֶלֶב'נע שַׁמָשׁ־ליכטיל אָן די בלעכענע פערפּאַטשקעטע הנוכה־לאָמפּ.

און וואָס מעהר זיי האָבען זיך צו איהם צוגעקוקט, איז אַלץ פינסטערער געוואָרען זייער ליכטיגער פָּנִים; אין זייערע אויגען האָט זיך געמאָלט דאָסזעלבע געפיהל פון עקעל, וואָס מֹשֶׁה רַבֵּנוּ האָט געפיהלט, בְּשַׁעַת ער האָט געקוקט אויף דעם מִצְרִי, איידער ער האָט איהם דערשלאָגען און בעגראָבען אין זאַמד. און פלוצלינג האָט זיך פישעל אַ קעהר געטהון צו דער טיהר, וואו עס זענען געשטאַנען די זעקס פרעמדע פאַרשוינען.

אַ ווילדער שרעק האָט אויפגעריסען זיינע קליינע לייפענדיגע אייגליך... ווי געיאָגט פון שֵׁדִים און פון רוחות, האָט ער זיך אַ שליידער געטהון דורכ'ן פענסטער, איבערגעקעהרט די הנוכה־לאַמפּ און...

אין איין רֶגַע איז פון פישעל קיין זֵכֶר ניט געבליבען! מען האָט מעהר ניט געהערט, ווי פון הויף האָט זיך געטראָגען אַ שרעקליכער קוֹל: געוואַלט! ראַטעוועט! גַזְלָנִים! גזלנים!!...

* * *

אַ ווילדער געלעכטער האָט פערקלונגען די שטוב...

— האָב איך דאָס געלאַכט?

די באָבע איז, ניט טויט ניט לעבעדיג, צוגעלאָפען צו מיר, מיך אָנגענומען ביי די הענד, בעטענדיג זיך מיט אַ יאָמער־שטימע:

— „ישׂראל'יק! וואָס איז מיט דיר געשעהן! געה לייג זיך צו אַביסיל! נעם אַ פּראָשעק! דו זעהסט דאָך אויס ווי אַ בַּר־מִינָן! גאָט איז מיט דיר! נעם אַ פּראָשעק! נעם...

עס יאָמערט אַרום מיר... אין מיר יאָמערט עס אויך... אָבער מיינע

---

דער פעטער משה אהרן געהט אַוועק צו זיך אין חֵדֶר, שאַרעוועט מיט די שקראַבעס, זוכט אין אַלע טישקעסטליך מיט אַלע שיפלאָדליך, קראַצט אויס פון דאָרטען עטליכע מַטְבֵּעוֹת און רעדט צו זיך אַליין.

— המ... מע פיהרט איבער קינדער, מע מאַכט פון זיי אַ תֵּל, אַ תֵּל עוֹלָם!

און ער רוקט אונז אַריין אין האַנד אַריין עטליכע האַרטע מטבעות. די מומע פעסיל שנייצט אונז אויס די נעזער נאָך אַמאָל (דאָס לעצטע מאָל), טהוט אונז אָן די טוליפליך, וויקעלט אונז איין אין די גרויסע וואַרעמע שאַלען און מיר געהען ווייטער.

מיר לויפען איבער'ן ווייסען, געפרוירענעם סקריפּענדיגען שניי און צעהלען די האַרטע מטבעות וואָס דער פעטער משה אהרן האָט אונז אַריינגערוקט און מיר קאָנען זיי ניט איבערצעהלען. די הענד זענען אונז געפרוירען, רויט, אָנגעדראָלען; די מטבעות זענען קופּערנע, גרויסע, שווערע מטבעות, עפּיס זעכסערס פאַרצייטיגע, דרייערס מאָדנע אָבגעריבענע, גראָשענס אַלטפרייניקישע, געשוואָלענע, פערגרינטע — ס'איז שווער, אוממעגליך אויסצורעכענען אין דרויסען אויפ'ן פראָסט וויפיעל דער פעטער משה אהרן האָט אונז געגעבען חנוכה־געלד!...

ו.

אונזער צווייטע סטאַנציע אויף נעמען חנוכה־געלד איז דער פעטער א־יצי מיט דער מומע דבורה, די וואָס דער טאַטע מיט דער מאַמע זענען מיט זיי בְּרוֹגֶז שוין פון כַּמָּה וְכַמָּה יאָהרען. פאַר וואָס זיי זענען ברוגז — דאָס ווייסען מיר ניט. מיר ווייסען נור, אַז דער טאַטע און דער פעטער איצי (לייבליכע ברידער) רעדען ניט צווישען זיך קיין מאָל נישט, האָטש זיי דאַווענען ביידע אין איין שול און זיצען ביידע אויף איין באַנק אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט, אַ סטענדער מיט אַ סטענדער. און אַז זיי זיצען אין שול, זיצען זיי דער אַהער, דער אַהין, און אַז עס קומט יוֹם טוֹב צו אויסנעמענס (הוֹצָאוֹת הַתּוֹרָה) און עס האַלט ביי פערקויפען עֲלִיּוֹת, דינגען זיי זיך, ווילען דַוְקא ביידע איין עֲלִיָה, שמייסען איינס דאָס אַנדערע און שמייסען אַריין אין טאָג אַריין. אין שול איז דעמאָלט אַ יָרִיד; אַלע רעדען, ריהרען זיך, שושקען זיך, לאַכען און העלפען אונטער דינגען זיך; איטליכער איז נייגעריג צו וויסען פאַר וועמען וועט בלייבען דער „שִׁשִּׁי", אָדער דער „מַפְטִיר". אַז עס געהט אַריין אין נִצָחוֹן, דעמאָלט ווילען אַלע מע זאָל זיך דינגען ביז'ן ביין אַריין. דער שול־שמש, מעכטשי פאָנפאַטש מיט די רויטע קאָלטענים, שטעהט אויף דער בִּימָה העכער האַלב אַריבערגעבויגען, דער טַלִית איז איהם אַראָבגעפאַלען, די יאַרמעלקי פון יענער זייט, ער קוקט אין מזרח זייט, אויפ'ן טאַטען און אויפ'ן פעטער איצין, און זינגט אויף זיין פאָנפעוואַטע שטימע:

— אַכטצעהן ג י ל ד ו י ן אום ששי! צוואַנציג ג י ל ד ו י ן אום ששי צוויי און צוואַנציג ג י ל ד ו י ן אום ששי!...

דער טאַטע און דער פעטער איצי זיצען, דער אַהער דער אַהין, ביידע פערטיפט כְּלוֹמֶרְשט איטליכער אין זיין חוּמָשׁ, נאָר וויפיעל איינער גיט גיט דער אַנדערער מעהר. דער עולם קוועלט, העלפט אונטער: דרייסיג, דרייסיג! פינף און דרייסיג! זיבען און דרייסיג! פערציג, פערציג!

מעכטשע פאָנפאַטש קוקט פון איינעם אויפ'ן אַנדערען:

— פערפיג ג י ל ד ו י ן אום ששי! צוויי און פערציג ג י ל ד ו י ן אום ששי! פינף און פערציג ג י ל ד ו י ן אום ששי!...

דער טאַטע און דער פעטער איצי הערען נישט אויף צו שמייסען זיך; מע האָט שוין אַריינגעשמיסען ביז פיפציג ג י ל ד ו י ן. מעכטשי הויבט אויף די האַנד און וויל שוין צו פּאַטשען פאַר'ן טאַטען:

— פיפציג ג י ל ד ו י ן!...

איז זיך מְיַשֵׁב דער פעטער איצי און הויבט אויף אַ פינגער און דער גאַנצער עולם העלפט אונטער: איין און פיפציג! איין און פיפציג! — און מע שמייסט ווייטער, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז מע שמייסט אַריין אין עטליכע און זעכציג גילדוין (אַזאַ מַעֲשֶׂה איז נאָך ניט געהערט געוואָרען!), און „ששי" בלייבט פאַר'ן פעטער איצין. קומט צו „מַפְטִיר", טהוט דער טאַטע אַ קוק אויפ'ן שמש און אַ מאַך מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: „מפטיר, — דאָס געהער צו מיר!..." ביי מעכטשען האָט מען דאָס געפּוילט, איז אָבער אַ סְבָרָה, אַז דער עוֹלָם איז ניט מוּסְכָּם, דינגען זיך — דאָס מוז מען, דערויף איז דאָס יום טוב, נישטאָ קיין מאָנאָפּאָל, קיין חֲזָקָה אויף מַפְטִיר!

די וואָכענדיגע בגדים, מיר האָבען יום־טוב'דיגע אָנגעטהון, אָבער אין די קנייצען פֿון זיי האָט זיך אונזער גלות בעזעצט!... העלף אונז! העלף אונז! מיר קלאָגען און בעטען פֿאַר דיר!... —

ווען דער ים־הגדול וואָלט אין קלאג אויסגעבראָכען, זיין יאַמער וואָלט ניט פֿערהילכט דאָס געבעט פֿון מיינע ברידער... ווען אַלע בערג וואָלטען פֿאַלען און זינקען, זיי וואָלטען ניט פֿערטויבט דאָס געשריי פֿון דעם טויזענד־יעהריגען גלות...

איטליכעס גליעד מיינס האָט זיך געריסען פֿון קערפּער... איטליך לעבענסטראָפּען פֿון מיין לייב האָט געוואָלט אויסוואַקסען, ווי אַ ריעז, ער זאָל קענען שטילען די פּיין פֿון מיינע בעטערס...

איך האָב ניט גערעדט, איך האָב ניט געטרייסט... איך האָב זיך נור געוואָרפֿען פֿון איינעם צום אַנדערען, אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען, געגלעט, געטויליעט... מיין גאַנצער קערפּער איז צוגאַנגען, צוגאַנגען אין טיעפֿען, טיעפֿען טרויער.

***

„ער הלש'ט! ער הלש'ט! מינטערט איהם! מינט...“ — האָט זיך געהערט אַ פֿערשטיקטע שטימע פֿון ערגעץ־וואו גאַנץ וויט־וויט.

איך האָב אויפֿגעעפֿענט די אויגען, אויף מיין שטערען איז געלעגען דיא באַבעניו'ס האַנד. אין דער אַנדערער האָט זי געהאַלטען אַ נאס טיכעל, פֿון וועלכען ס'האָט זיך געהערט אַ עסיג־גערוך.

די באַבעניו איז מיר געזעסען צוקאָפּענס; איבער איהרע אַלטע צוקנייצטע באַקען האָבען גערונען גרויסע שווערע טראָפּענס;

„איך טענה מיט דיר טאָג ווי נאכט: ישראל'יק שט־ענג זיך ניט אָן צופֿיעל! קוק אויף זיך אייך אַ ביסעל! איך זאָג דיר דעם אמת, מיין זוהן, איך בין דיינע אַלע ביכליך אַ דם־שונא. וואָלסט מעהר שפּאַציערען געהן, אַריינגעהן צו בעקאַנטע, קרובים“...

די זיסע־ליעבע רייד פֿון מיין באַבעניו האָט מיך ביסליכווייז בערוהיגט, און ס'איז אַ ווייַלע אַרויף אויף מיר אַ רוהיגער שלאָף.

אַ לאַנג גרויס פֿעלד בעדעקט מיט שנעע, איינגעטוליעט פֿון טומאַן, שווערע שוואַרצע וואָלקענס הייגען איבער דאָס פֿעלד. די שטראַהלען פֿון דער לבנה קענען ניט צושפּאַלטען די פֿינסטערע חמאַרעס, און די וואָס דרינגען דורך אָן אַ זייט ווערען פֿערשלונגען פֿונ'ם געדיכטען טומאַן.

מענשען, הייזער, בוימער זענען ווי איינגעזונקען געוואָרען. אַ גאַנצע וועלט ליעגט, ווי פֿערטרונקען פֿון אַ מבול, און די פֿערטרונקענע וועלט אָטהעמט שווער, ווי אַ חולה פֿאַר'ן טויט.

מיט מיין האסטיגען קערפּער צוריים איך דעם טומאַן, און געה גיך דורך דאָס אומעדיגע פֿעלד. דער שנעע קנאַקט אונטער מיינע פֿיס, און מיין פנים ווערט דורכגעווייקט פֿונ'ם נאַסען טהוי.

אויסגעשטאָרבען איז די וועלט! ניטאָ קיין איינציגער מענש, אין וועמענס אויגען ס'זאָל ברענען אַ וואַרעמעס פֿייער, ניטא קיין איין האַרץ, וואָס זאָל שפּרינגען אין דער ברוסט און פֿערלאַנגען גרויסע העלדענטהאטען. אומעטום פֿערלאָשענע בליקען, שלאַפֿע הענד, און הערצער וואָס קלאַפּען שוואַך און שטיל, ווי אַ'ן אַלטער זייגער.

און איך פֿרעג זיך אַליין: וואוהין געהסטו? וואָס זוכסט דו? וואוהין טראָגען דיך דיינע פֿיס? וואָס האָפֿסט דו צו דערזעהן?

אָך! איך קען ניט, ווי אַנדערע, בעלעבען די אומעדיגע וועלט מיט טויטע העלדען. איך קען ניט, ווי אַנדערע, קוקען אין זייער געטליכען פנים, הערען זייערע קלוגע רייד און זיך וואַרעמען אָן דעם פֿייער פֿון זייער גייסט! פֿאַר מיר זענען די קליינינקע לעבעדיגע מענשעליך טויט, און די טויטע העלדען זענען אויך טויט, און איך לעב אין אַ וועלט פֿון פֿערטרוקענטע נפשות, צופֿאַלענע ביינער און געלע צולעכערטע שאַרבענס!

---

בעל פֿון אַ וואַטאָווע לייביל און דער אַנדערער מיט אַ טאָוועל פֿון אַ סדור, אַ חומש, אָדער אַ ספר. חיימ'ל (אַ מיטעלסטער צווישען פֿרויקען און מענדלין) האָט דערטאַפּט אַ גערגעלי פֿון אַ געקוילעטער גאַנז, האָט דאָס אָנגעבלאָזען מיט אַלע זיינע לעצטע כחות, ער איז אַוש געוואָרען בראָן און בלוי, און ס'איז איהם געראָטען אַרויסבעקומען פֿון דעם אַ מין משונה קול ווי פֿון להבדיל אַ חזיר בשעת מע שטעכט איהם און ער קוויטשעט... ווייגוויל (איך וויים ניט צי איין עלטערער צי אַ קלענערער) האָט אָבגענעבען קאָנצערט אויף אַ קעמעל און דוד'ל (אַ קליינער פֿון אַ יאָהר פֿיער) האָט אָנגעטהון די שטיוועליך אויף די הענד און האָט צוגעקלאָפּט מיט זיי צום טאַקט. אסתר'ל (דאָס עלטערע מיידיל) האָט געוואָלט אויסקעמען חאַסקין (דאָס קלענערע מיידיל), איהר פֿערפֿלעכטען אַ צעפּיל; נאָר מחמת חאַסקים האָר זענען זעהר גענרייזעלט און שוין לאַנג נישט געקעמט, לאָזט זי זיך ניט, וויינט זי און חאַפּט פּעטש. שטילער פֿון אַלע איז פּינילע, אַ קליין יונגעלע מיט קרומע אויסגעבויגענע פֿיסעליך און מיט איין אונטערגעשטעקט העמדעלע. איין חסרון נור, וואָס וואו ער שטעלט זיך אַנידער, דאָרט לאָזט ער אַ סימן... דאָס אַלסדינג שטערט אָבער ניט דער מומע יענטען זי זאָל זיך זיצען גאַנץ רוהיג ביים טיש מיט צוויי נפשות, איינם ביי דער ברוסט און דאָס אַנדערע אויפֿ'ן שויס, און טרינקען ציקאָרי.

— מיר זאָל זיין פֿאַר דיינע ביינדעליך! — זאָגט זי און טוליעט צו מיט גרויס ליבשאַפֿט דאָס זויגענדיגע גפּש'ל צום האַרצען און דערלאַנגט בשעת מעשה טאַקע אַ שטורך דעם עלטערען וואָס אויפֿ'ן שויס — זעה נור ווי דו עסט עסען זאָלען דיך די ווערים! אסתר'ל, רחצי, חאַסקי, וואו זענט איהר ערגעץ אין אַלדע שוואַרצע יאָהר? נעם וויש איהם אָב דאָס נעזיל גיכער, וואָש מיר אויס אַ שאָל, איך דאַרף טרינקען אָהן אַ שאָל! דערלאַנג איהם אַ סטוסאַק ער זאָל זיך דריי מאָל איבערקערען! האַרץ מיינס, נשמה מיינע, טרייסט מיינער! דאָס מויל מאַכט זיך ווי גאָר ניט צו, אַ גאַנץ פֿריה מאָרגען נור מע עסט, פֿערחאַפּט זאָלט איהר ווערען!

דערזעהען מיך מיט מיין ברודער מאָטלען האָבען זיך הברה אַ לאָז געטהון אַקעגען און מע איז אונז בעפֿאַלען ווי די היישעריקען. דער אויף די הענד, דער—אויף די פֿיס, דער—אויפֿ'ן קאָפּ. חיימ'ל האָט אָנגעבלאָזען דאָס גערגעלי פֿון דער געקוילעטער גאַנז גלייך מיר אין אויער אַריין און דוד'ל האָט מיך אַרומגעחאַפּט מיט ביידע שטיוועליך. פּינילע מיט'ן אונטערגעשטעקטען העמדיל האָט זיך אָנגעטשעפּעט מיר אין אַ פֿוס, אַרומגערונגעלט זי ווי אַ שלייגגיל, און אַ מישמאַש פֿון פֿערשידענע קולות האָט אונז געגרילצט, פֿערטורקעט די אויערען.

— אויף די ציינדעליך זאָלט איהר שרייען! — שרייט די מומע יענטע פֿונ'ם אַנדערען חדר — טויב קען מען ווערען. פֿערלייגען זאָל דאָס אייך. שדים ניט קיין קינדער, ברענען זאָל די נשמה אייערע!

די מומע יענטע שרייט און די קינדער שרייען — אַלע שרייען. פּלוצים קומט אָן דער פֿעטער ביניש מיט'ן טלית ותפילין (אַ פּנים פֿון בית המדרש). אין איין אויגענבליק ווערט שאַ שטיל און די גאַנצע חאַליאַסטער ווערט פֿערשוואונדען.

— אַ גוט מאָרגען אייך פֿעטער ביניש! — שיסען מיר אויס, איך און מיין ברודער מאָטיל.

— וואָס טהוט איהר דאָ, שקצים? אודאי נאָך חנוכה־געלד? — מאַכט דער פֿעטער ביניש און נעמט אַרויס און שיינקט אונז צו זילבערנע גריוונים.

די חאַליאַסטרע קינדער קוקען אַרויס פֿון די ווינקעליך, ווי די טאַראַקאַנעס, גלאַנצען אויף אונז מיט די אייגעליך, ווי די מייזליך, ווינקען עפּיס צו אונז, בעווייזען עפּיס מיט די פֿינגערליך, מאַכען בשעת מעשה משוגענע תנועות, ווילען אונז, אַ פּנים צעלאַכען, — קוים קוים וואָס מיר האַלטען זיך איין, און מיר אַנטלויפֿען פֿונ'ם דאָזיגען גיהנם.

ה.

אונזער שוועסטער איידיל און איהר מאַן שלום ווידיל עליהם השלום— זיי זענען שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט.

איידיל איז פֿון קינדווייז אויף געוועזן אַ פֿערוויינטע נשמה; איבער אַ מינדסט נאַרישקייט פֿלעג זי זיך צעוויינען, פֿערגיסען טרערען אויף אייגענע און אויף פֿרעמדע צרות. נאָר פֿון זינט זי איז געוואָרען אַ כלה פֿאַר שלום ווידלען, האָט זי ניט אויפֿגעהערט צו וויינען. אפשר מיינט איהר דערפֿאַר ווייל ס'איז איהר ניט געפֿעלען דער חתן? חלילה! זי האָט איהם דען

וואָס זוך איך ? איך זוך די ליכטיגע זון, די גרינע שפּראָצענדע פֿעלדער, איך זוך דעם מענשען, וואָס האַלט מלחמה מיט די הוואַליעס פֿון קאָכעדיגען ים, איך זוך אַ לעבעדיגען יודישען מתתיהו !

און קוים זענען די לעצטע ווערטער אַרויס פֿון מיינע ליפּען, ווערט שוין דינער און דינער דער געדיכטער טומאַן, אַ ליכטיגער רינג בעוויזט זיך אין דעם אַרומיגען חושך, און דער רינג וואַקסט און וואַקסט, ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער און פֿערבלענדט מיר די אויגען מיט זיין ווייסען גלאַנץ.

אַ קינדישע שמחה מאַכט פֿול מיין אומעדיג געמיטה, איטליכעס גליעד מיינס ציטערט פֿאַר פֿרייד, מיין האַרץ ווערט גרויס, ווערט פֿול פֿון לויב און דאַנק און ציהט זיך, און ציהט זיך צום קלאָר־ווייסען ליכט...

און פּלוצלינג בעוויזט זיך אין ליכטיגען רינג אַ הויכער פּאַרשוין אין אַ ווייסען ליינענעם מאַנטעל. אַ לאַנגער זילבער־גרויער באָרד פֿליסט אַרונטער אויף זיין ברייטע ברוסט, אין די גרויסע שוואַרצע אויגען ברענט אַ מורא'דיג פֿייער, און די פֿעסטע שטאַרקע פֿויסט נעהמט אַרום דאָס גאָלדענע הענדטיל פֿון אַ בלאַנקען שווערד.

און עס פֿאַלט אויף מיר אָן אַ הייליגער פּחד... איך קען ניט פֿערטראָגען דאָס געטליכע פּנים, און וואַרף זיך אַנידער אויפֿ'ן שנעע מיט דעם קאָפּ צו דער ערד.

— „דו האָסט מיך גערופֿען אין דער נויט פֿון דיין זעעל" — הער איך אַ טיעפֿע ברוסט־שטימע, און די שטימע געהט דורך אַלע מיינע גליעדער און קלינגט אין מיר, ווי אַ געטליך־געזאַנג,— „דו האָסט מיך גערופֿען אין פּיין פֿון דיין האַרצען, און זעה, איך בין געקומען צו דיר. ס'האָט מיך גערי̇הרט דיין טיעפֿער טרויער, און זעה, איך רוף דיך צו מיר! הויב זיך אויף ! הויב זיך אויף ! מתתיהו קען ניט פֿ ערטראָגען, אַז אַ מענש זאָל זיך בויגען און בוקען ! מתתיהו כהן גדול פֿערלאַנגט אַ גלייכען רוקען, אַ אויסגעשטעלטע ברוסט, אַ קלאָרען בליק, אַ'ן אויג, אין וועלכען עס ברענט און פֿלאַקערט אַ שטאַרקער גלויבען ! הויב זיך אויף ! הויב זיך אויף !

איך האָב זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד, און מיט אַ צובראָכענער קניה בין איך צוגעפֿאַלען צום ווייס־ליינענעם קלייד... איך האָב פֿערגראָבען מיין צורה אין די פֿאַלבען פֿונ'ם מאַנטעל, און מיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט פֿון אַ־איגוועניגסטען שטורם:

מיין שטימע האָט געיאָמערט:

— איך קען ניט פֿערטראָגען דאָס ליכט פון דיין פּנים, איך בין פֿערבלענדט און ציטער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אין חושך בין איך אויפֿגעוואַקסען !... אין אַ פֿרעמדען לאַנד האָב איך זיך געהאָדעוועט... איך האָב נור געחלומ'ט פֿון גרויסע העלדען, איך האָב זיי אָבער קיינמאָל ניט געזעהען... ווי אַ ביינאַכטיגער בין איך געגאַנגען צווישען מיינע ברידער, און אייביג געזוכט דעם בעפֿרייער, דעם העלדען, וואָס זאָל אונז פֿיהרען אַהיים... און איצט, בעת איך האָב דיך דערזעהן, האָבען מיינע קניה אָנגעהויבען זיך טרייסלען, און מיין האַרץ אין מיין ברוסט איז פֿערגליווערט! דער לאַנגער שווערער גלות האָט צובראָכען מיין גייסט! איך קען ניט, איך קען ניט פֿערטראָגען דאָס ליכט פֿון דיין געטליכען פּנים!"—

און מתתיהו ענטפֿערט, און אין זיין קול הערט זיך רחמנות:

— ישראליק ! דו ביסט קראַנק, דערפֿאַר רעדסט דו אַזעלכע רייד !—

און עס ווערט שטיל אַרום מיר איך פֿיהל נור אויף מיין קאָפּ די האַנד פון מתתיהו'ן, אַ האַנד, וואָס קרייזעלט מיינע האָר, בערוהיגט און דערוואַרעמט. אין מיין צוטראָגענעם מח ווערט קלאָר און ליכטיג, אַ נייע האָפֿנונג בליהט אויף אין מיין האַרצען און עס צוגיסט זיך אַ פֿרישקייט דורך אַלע מיינע גליעדער.

— — — — — — — — — — — — —

געקענט וואָס ער זאָל איהר ניט געפֿעלען ? גלאַט אַזוי אַ כלה פֿאַר דער חתונה בעדאַרף וויינען. אַז די שניידערס האָבען איהר געבראַכט אָנמעסטען די חתונה מלבושים האָט זי זיך צעוויינט אויף אַ גאַנצע נאַכט. שפּעטער, צום פֿאַרשפּיעל, אַז אידרע חברת'עס זענען זיך צענויפֿגעקומען טאַנצען, איז זי אַלע מאָל אַוועקגעלאָפֿען צו זיך אין אַלקיר אַביסיל אויסוויינען זיך אין די קישענס. דעם טאָג פֿון דער חופּה שמועסט מען ניט. דעמאָלט איז געווען א י ה ר טאָג. זי האָט גאָר ניט אויפֿגעהערט צו וויינען. נאָר די רעכטע חתונה איז געווען צום „באַדעקענס", בשעת מנשה פֿידעלי דער כלי־זמר האָט זי גענומען „באַזעצען" און רב ברוך בדחן איז אַרויף אויפֿ'ן טיש, צענויפֿגעלייגט די הענד אויפֿ'ן בויך, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי בשעת מע בעוויינט אַ טוידטען, און האָט אָנגעהויבען מיט'ן שענעם טרויעריגען נגון, וואָס קען נעמען אַ שטיין בזה הלשון:

כלה לעבען ! כלה לעבען !
ווייַן זשע וויין.
דיינע טרעהרען האָבען אַצינד
דעם זיבעטען חן.
אָט באַלד וועסט דו, מיידיל,
צו דער חופּה געהן,
בעדאַרף מען דיר געבען
צו פֿערשטעהן,
אַז דאָס לעבען איז ביטער
אַזוי ווי חריין,
אַז אַ מענש איז ניט פֿון אייזען
און ניט קיין שטיין,
אַ בשר ודם
פֿון הויט און ביין.
לכן בעדאַרפֿסט דו זיין ביי זיך
זעהער קליין,
אויסגעהן פֿון טרעהרען
און פֿון געוויין....

און אַזוי וויטער אָהן אַ'ין עק.

אַלע ווייבער, אייגענע און פֿרעמדע, וואָס זענען געשטאַנען דערביי, געהאָלפֿען צעפֿלעכטען דער כלה איהר שענע גרויסע צעפּ, האָבען נעמאַכט משונה מאָדנע פּיסקעס, געשנייצט די נעזער, געווישט די אויגען, און איידיל נעביך האָט אַזוי געיאָמערט, אַזוי געחליפּעט, אַז זי האָט געחלש'ט דריי מאָל; מע האָט זי קוים מיט צרות אָבגעמונטערט.

נאָר אויף וויפֿיעל אונזער שוועסטער איידיל איז געווען איין אומעטיגע זאַך, איז אונזער שוואָגער שלום ציידיל געווען אַ פֿריילעכער יונג, אַ לעבעדיגער, אַ קאַטאָוועסטרייבער, אַ פֿערשלעפּטע קריינק, און לאָז ער מיר מוחל זיין, אַיין איינגענעסענע בריאה, דהיינו ער פֿלעג ליעב האָבען דעקוטשען, שנאָלען זיך. דערלאַנגען יענעם אַ שנאָל גלייך אין שפּיץ נאָז אָדער אין עק אויער — דאָס איז געווען ביי איהם דאָס חיות. נישט איין מאָל פֿלעגען מיר אַרומגעהן, איך און מיין ברודער מאָטיל, מיט אָנגעשוואָלענע אויערען. מיר האָבען זיך ממש מחיה געווען, אַז מיר האָבען דערהערט, אַז דאָס פּאָרפֿאָלק געהט אַראָב פֿון קעסט. דעם טאָג וואָס זיי האָבען זיך בעדאַרפֿט איבערקלויבען פֿון אונז אויף „אייגענע קעסט", איז ביי אונז אין שטוב געווען חורבן בית המקדש. איידיל האָט געוויינט, איינגעלייגט די וועלט און די מאַמע אויף איהר קוקענדיג, און שלום ציידיל, וואָס האָט געהאָלפֿען כלומרשט „פּאַקעווען די זאַכען", האָט נור אָרומגעטאַנצט הין און צוריק זיך אונטערגעגנב'עט אַלע מאָל זעהר קונציג און דערלאַנגט אונז אַ שנאָל אָדער פֿון פֿאָרינט אין שפּיץ נאָז אָדער פֿון אונטען אַ'ן עק אויער. ער האָט זיך מיט אונז אָבגעזעגענט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל און האָט נאָך געהאַט אַ העזה אָנצוזאָגען אונז, מיר זאָלען זיך ניט לאָזען לאַנג בעטען און זיין ביי איהם אָפֿטע געסט ! מיר האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט מיר זאָלען זיין פּנים ניט אָנקוקען !

נאָר אַ מענש פֿערגעסט אַלסדינג, ובפרט אַ שנאָל. ווי אַזוי געהט מען ניט נאָך חנוכה־געלד צו איין א י י ג ע נ ע ם ש װ אָ ג ע ר ?...

געקומען צו איידלען, געהט אונז שלום ציידיל אַקעגען מיט אַ גאַנץ ברייטען ברוך הבא.

ס׳איז שטיל אַרום מיר, אָבער אין מיר לעבט עס און לעבט. און פלוצלינג ווערט מתתיהו׳ס קול ווייך און פריינדליך, און ער רעדט ווייטער:

— „דו האָסט זיך פריהער בעקלאָגט, אַז דו קענסט ניט בעלעבען די וועלט מיט אמאָליגע גבורים, אַז די אַמאָליגע העלדען זענען פאַר דיר טויט און פערגעסען. ישראל׳יק! ישראל׳יק! צי גלויבסט דו אין מיר? צי לעבט נאָך מתתיהו?“

— ער לעבט! ער לעבט!“ — ענטפערט אַ שוואַכינקע אַלטע שטימע, און זי, מיין באָבעניו, ציטערט פאַר פרייד.

— „צי לעבט ער אין ווינד, צי לעבט ער אין שטורם? צי דרינגט דורך זיין ליכט דורך וואָלקענס און חמאַרעס?“ —

— ער לעבט! ער לעבט! —

— נו, געה צו דיינע ברידער און טרייסט זיי, דערצעהל זיי...

— אַז ער לעבט, ער לעבט! — האָט פערקלונגען מיין קול דאָס אומעדיג פעלד, און אַ הייליגער גלויבען איז אַריין אין מיין זעעל.

היידעלבערג, 1897.

---

## צו די חֲנֻכָּה־לִיכטליך.

אַלְטֶער טְרוֹיֶער וֶוער פֶּערְשְׁוואוּנְדֶען
לָאז מִיר פְּרֶעהְלִיךְ זַיין דִי נַאכְט;
כְ׳הָאבּ דִי לִיכְטְלִיךְ אָנְגֶעצוּנְדֶען —
אוּן דָאס אַלְטֶע גְלִיק עֶרְוַואכְט!
יָא, עֶס הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען
אוּנְז דִי פִינְסְטֶערְנִיש גֶעדִיכְט,
דָאךְ עֶס מוּז אִיהְר עֶנְדֶע קוּמֶען
וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי לִיכְט!
אָ, וִוי פְּרֶעהְלִיךְ אִין דִי שׁוֹיבֶּען
שְׁפִּיגֶעלְט אָב זִיךְ יֶעדֶער שְׁטְרַאהְל!
אָ, דָאס לַייכְט דֶער אַלְטֶער גְלוֹיבֶּען,
עֶר בֶּעגְלַייט אוּנְז אִיבֶּעראַל...
וֶועהְסְט דִי לִיכְטֶעלִיךְ, זֵיי זֶענֶען
אַזוֹי שְׁפֶּעל׳דִיג אוּן קְלַיין
דָאךְ דִי פְלֶעמֶעלִיךְ זֵיי בְּרֶענֶען
אֵייבִּיג קְלָאהְר אוּן אֵייבִּיג רַיין.
סְ׳לַייכְט דִי וֶועלְט יֶענֶע פְרוּמֶע,
וָואס זִי הָאט מִיט קַאמְפְף אוּן שְׁטְרַייט
דִי גֶעדְרִיקְטֶע שְׁוַואכֶע אוּמָה
פוּן דֶעם שְׁוֶוערֶען יָאךְ בֶּעפְרַייט.

***

---

## דער זיידע מיט׳ן חֲנֻכָּה־לייכטעריל.

אָט זעהט איהר, הינטער דער טיהר פון שלאָפציממער — ביים אויווען שטעהט אַ פיער־עקעדיג אַלט צובראָכען ביינקיל — דאָס איז מיין זיידענ׳ס געזעס. הינטער דעם ביינקיל שטעהט אַ לענגליך פיער־עקעדיג קעסטעלע.

אָט האָט דער זיידע פון קעסטעלע אַרויסגענומען דאָס חנוכה־לייכטעריל און דערינען אָנגעצונדען חנוכה־ליכטליך.

אָט הייגגט עס דאָרט אויפ׳ן פענסטער, אַ זילבער׳ן פיער־עקעדיג חנוכה־לייכטער׳ל. צוויי לייבען אויף ביידע זייטען, אין מיט׳ן אַ „מָגֵן דָוִד“, אַרום מיט צוועלף מזלות.

מיין זיידע, אַ יוד אַנ׳אַלטער, פון איינינע אַכציג יאָהר, אַ הויכער און אַ דאַרער, דעם רוקען איינגעבויגען צו ד׳ר׳ערד. אַ לאַנג פערזאָרגט פנים, פול מיט קנייטשען, אַ נאָז, אַ לאַנגע און אַ דאַרע, ביי דעם עק גראָב, אָנגעשטאָפּט פול מיט טאַבאַק — די טאַבאַק־טראָפּען טריפע

---

— סקאָציל קומט! וואָס מאַכט איהר גוטס? זעהר קלוג האָט איהר געטהון וואָס איהר זענט געקומען, איך האָב צוגעגרייט פון אייערטוועגען חנוכה־געלד!

און שלום זיידיל נעמט אַרויס דאָס בייטעלי און צעהלט אונז אויס צו עטליכע נייענקע, גלאַנצענדיגע, זילבערנע מַטְבֵּעות גלייך אין האַנד אַריין, און איידער מיר האָבען צייט אַרומקוקען זיך און איבערצעהלען די נייע מטבעות, חאַפּען מיר שוין צו עטליכע שנאָל, פריהער איך אין שפּיץ נאָז און מאָטיל אין עק אויער, און נאָכדעם מאָטיל אין שפּיץ נאָז און איך אין עק אויער.

— אָבער לאָז שוין זיין גענוג צו מוטשען קינדער! — בעט זיך נעביך ביי איהם אונזער שוועסטער איידיל מיט טרעהרען אין די אויגען, און זי רופט אונז אָב אָן אַ זייט, שטופּט אונז אָן פולע קעשענים מיט לעקיך, מיט ניסליך און מיט באָקסערען, און שענקט אונז אַ חוץ חנוכה־געלד.

מיר חאַפּען די פים אויף די פלייצעס און לויפען אַהיים.

ט.

— אנו, מאָטיל, לאָמיר זיך קאָרשט נעמען צו דער אַרבייט אויסרעכענען, וויפיעל האָבען מיר אונזער אייגענם חנוכה־געלד? נאָר ווייסט דו וואָס? דו שווייג, פריהער וועל איך איבערצעהלען מיינס, נאָכדעם וועסט דו צעהלען דיינס (און איך צעהל:) אַ קערביל מיט דריי צוואָנציגער, מיט פיער גילדען, מיט פינף גריוונעס, מיט זעקס פיטאַקליך, וויפיעל מאַכט דאָס אינאיינעם? אַ פנים אַזוי גרויס ווי אַ קערביל מיט דריי צוואָנציגער, מיט פיער גילדען, מיט פינף גריוונעס, מיט זעקס פיטאַקליך...

מיין ברודער מאָטיל וויל נישט וואַרטען ביז איך וועל ענדיגען מיין חֶשְׁבּוֹן און ער נעמט זיך צו ז י י נ ע קאַפּיטאַלען; ער לייגט פון איין האַנד אין דער אַנדערער און צעהלט:

— אַ צוואָנציגער און אַ צוואָנציגער איז צוויי צוואָנציגער, און נאָך אַ צוואָנציגער איז דריי צוואָנציגער, און צוויי גילדען איז דריי צוואָנציגער מיט צוויי גילדען, און אַ גריוונע און נאָך אַ גריוונע און נאָך אַ גריוונע, איז אינאיינעם צוויי צוואָנצינער מיט דריי גילדען, מיין איך דריי גילדען מיט צוויי צוואָנציגער, טפו, וואָס רעד איך? מע בעדאַרף אָנהויבען נאָך אַמאָל פונ׳ם אָנהויב!

און ער הויבט אָן נאָך אַמאָל פונ׳ם אָנהויב. מיר צעהלען און צעהלען און קאָנען ניט איבערצעהלען; מיר רעכענען און רעכענען און קאָנען ניט אויסרעכענען, און אַז עס קומט צום פעטער משה־אהרנם אַלטע פיטאַקעס, שווערע זעכסערס, אָבגעריבענע דרייערס און אָנגעשוואָלענע גראָשענס, פערפּלאָנטען מיר זיך אַזוי שטאַרק אין חשבון, אַז מיר ווייסען שוין גאָר ניט וואו מיר זענען אין דער וועלט. מיר פרובען זיך אויסבייטען די דאָזיגע מטבעות ביי דער מאַמען, ביים טאַטען, ביי בריינע די קעכין — עס געהט ניט: קיינער וויל זיי ניט נעמען אין די הענד אַריין!

— וואָס איז דאָס פאַר פיטאַקעס? ווער האָט דאָס אייך אַריינגערוקט אַזאַ געלד?

מיר שעמען זיך אויסזאָגען און מאַכען אַ שווייג.

— ווייסט דו גאָר וואָס? — זאָגט צו מיר מיין ברודער מאָטיל — לאָמיר זיי נעמען און אַריינוואַרפען אין אויבען אַריין, אָדער גאָר אין דרויסע אויפ׳ן שניי, קיינער זאָל ניט זעהען.

— חָכָם אַ יוד! — זאָג איך צו איהם — שוין גלייכער אוועקשיינקען זיי איין אָרימאַן.

נאָר ווי אויף צו לְהַכְעִיס קומט ניט קיין אָרימאַן! וואו זענען אַהינגעקומען אַלע אָרימע לייט, די שלעפּערס וואָס רייסען ביי די פאָלעס, דינגען זיך, זידלען זיך און שעלטען? ניין, דאָס וואָס מע בעדאַרף וועט קיינמאָל ניט קומען!

י.

קינדער! אַז איהר וועט עלטער ווערען און זיך צוקוקען וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט, וועט איהר זעהען, אַז נאָט בעגליקט אַ מענשען מיט אַ סך געלד, בעקומט ער מיט אַמאָל גוטע פריינד אָהן אַ שעור, גוטע פריינד וואָס זאָרגען זיך פאַר איהם, ברעכען זיך די קעפּ, געבען עֵצוֹת ווי־

שלאָסען מיט׳ן שליסעלע, וואָס דער זיידע היט עס ווי זיין אויג אין קאָפּ, צווישען די בעהאַלטענע זאַכען, וואָס ער האָט דאָרט, האָט ער אויך זיין חנוכה־לייכטעריל.

דאָס חנוכה־לייכטעריל איז ביי איהם טייער ווי דאָס לעבען. ביי יעדער קליינער געלעגענהייט, ווען ער קען נור רעדען פֿון זיין חנוכה־לייכטעריל, רעדט ער פון איהם. „וויפֿיעל קאָסט היינט אַ לויט זילבער — זעכציג קאָפּיקעס. — דעמאָלט, ווען איך האָב געקויפֿט מיין חנוכה־לייכטעריל, האָט זילבער געקאָסט אַ רובל אַ לויט, אָבער דערפֿאַר כסף טהור, ריכטיגע 84־גער פּראָבע איז מיין חנוכה־לייכטעריל".

— היימ׳יל — זאָגט ער צו מיר, ווען דו וועסט וואהל לערנען, וועל איך דיר שענקען מיין חנוכה־לייכטעריל, און דאָסזעלבע פֿלעגט ער צוזאָגען מיינע ברידערליך אויך.

אַלע אַכט טאָג נעהמט ער עס אַרויס פֿון קעסטעלע, פוצט עס אויס מיט׳ן שטיקיל טיכיל, וואָס ער האָט שוין דערינען געהאַט אָנגעגרייט.

פאַר חנוכה פֿלעגט ער עס נאָך אָפּטער פוטצען, און חנוכה אויף דער נאַכט אַהיים קומענדיג פון בית־המדרש, טהוט ער זיך אָן די שבת׳דיגע קאַפּאָטע — דעם טאַטענס געוועזענע וואָכעדיגע וואָס ער האָט איהם געגעבען אויף פסח — וואַשט זיך די הענד און ווישט זיך גוט אָב, אַז ער זאָל חלילה דאָס חנוכה־לייכטעריל נישט בעפֿלעקען טהוט זיך אָן די ברילען, נעהמט אַרויס דאָס שליסעלע און עפֿענט אויף דאָס קעסטעלע. מיט אַ בעזונדער שטאָלץ נעמט ער אַרויס דאָס חנוכה לייכטעריל, ער איז איצט בעל־בית פֿאַר זיך, ער געהט איצט טהוען אַ זאַך וואָס נור ער אַליין קען זי פֿערזעהען — ער געהט חנוכה ליכטליך אָנצינדען. ער רייבט איבער דאָס חנוכה־לייכטעריל, שטעלט עס אַנידער אויפ׳ן פֿענסטער און צינדט־אָן די חנוכה־ליכטליך.

אויף חנוכה־ליכטליך האָט ער קיין געלד נישט געוואָלט נעמען פֿון טאַטען, ער פֿלעגט צונויפֿקלויבען פון דעם געלד וואָס דער טאַטע פֿלעגט איהם געבען פֿאַר ציצית איינמאַכען.

אָט, זיצט ער זיך אויף זיין בּיינקיל האַלטענדיג אין דער האַנד זיין אַלט סידור׳ל, דאָס איז זיין אַלטער גוטער פֿריינד פֿון דער יוגענד, פֿאַר וועלכען ער האָט שטענדיג זיין האַרץ אויסגעגאָסען און פֿערטרויט אַלע זיינע סודות, אָנגעטהון די ברילען און זאָגט זיך אין דער שטיל „הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ" ער זעצט זיך צוריק ביים אויווען און קוקט פֿון דאָרט מיט נחת אויפ׳ן חנוכה־לייכטעריל, גלעטענדיג זיך בשעת מעשה די באָרד, צופֿרידען פֿון זיך אַליין.

ער דערמאַנט זיך:

אָט שטעהט פֿאַר זיינע אויגען יענ׳ס קליינע בעקאַנטע שטיביל. אָט זעהט ער דאָס נידריגע שענקיל מיט דעם אויסגעבראָכענעם טיהריל, פֿון אויבען אין דער הויך קוקען אַראָב די פּאָר פֿערשטויבטע ספרים׳ליך, אָט שטעהט די יום־טוב׳דיגע פֿלאַש פֿערשטעלט מיט אַ גראָען בויגען פּאַפּיר, אַנטקעגען זעהט ער דעם גוט בעקאַנטען אויווען, דעם בעסטען גוטען פֿריינד אין ווינטער, און דעם פֿיער־עקעדיגען טיש, וואָס שטעהט אין מיטען שטוב מיט די פּאָר ביינקליך, אָט די צוויי הויכע אויפֿגעבעטע בעטען, איבער וועלכע עס הענגען אַפּאָר פֿערשימעלטע בילדער פֿול מיט שטויב — צוויי זעלנער, און דאָ היינגט דאָס פֿערשטויבטע שפּיגעלע, אין וועלכען עס איז אַריינגעשטעקט אַ שטיקיל קיילעכדיגע מצה אויף הצלחה — דעמאָלט, דעמאָלט ווען דוואָשע זיין ווייב האָט נאָך געלעבט.

אָט זעהט ער זי פֿאַר זיינע אויגען, ווי זי זיצט איינגעטוליעט אין איהר וואַרעמען קאָפּטען, איהר איינגעשרומפּט פּנים, מיט דעם בערדעלע וואָס וואַקסט איהר ביים גאָמבע, אָט הערט ער ווי זי בייזערט זיך אויף איהם. „דו שלימוניק" —, אין דאָך ווי גוט איז זי געווען, אפילו אין איהר בייזערן זיך.

---

פֿון מיר שטיקער פֿלייש, דער פֿאַר דער קראָם, דער פֿאַר סְחוֹרָה און אין קליטיל פֿאַר מעהל, נישט מטהר זאָל ער פֿערמאָגען וויפֿיעל איך בין שולדיג, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, איך זאָל איהם אַזוי גיך זעהען געהן איבער די הייזער אויף צוויי שטעקענס, ליבער גאָט, עס זאָל איהם וואַרפען העכער הייזער ווי ער האָט מיך אַרויסגעוואָרפען מיט פיצליך קינדער אויפ׳ן ברענענדיגען פֿראָסט אין מיטען ווינטער. ווי איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ רְצִיחָה? און דו זעהסט דאָס, גאָטעניו, און שווייגסט, טאַטע ליבער, הארציגער, געטרייער, וואו איז יושר וואו איז מענשען, וואו איז גאָט, גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד!!!..

— ששש! גענוג אייך צו גוואַלדעווען! — שלאָגט איהר איבער דער רבי און רופֿט זיך אָן צו אונז. — די מעשה דערפֿון איז אַזוי: אָט די דאָזיגע יודינע, עטיל דבורה הייסט דאָס, איז אַ יודינע אַיין אַלְמָנָה מיט זעקס קינדער, וואָס זי איז מְפַרְנֵס מיט איהר אייגענע האָרעוואַניע, איטליכער גראָשען קומט איהר אָן...

— ששש.. לאָזט זיך דינען! — שלאָגט איבער דער רבי — נו, זיצט זי די דאָזיגע אַלמנה, עטיל דבורה הייסט דאָס, אין אַ פֿרעמדער דירה, און האָט ניט מיט וואָס צו צאָהלען, איז זיך מְיַשֵּׁב דער בַּעַל הַבַּיִת פֿון דער דירה (איך וויל איהם נישט אָנרופֿען ביים נאָמען) און וואַרפֿט זי אַרויס מיט פיצליך קינדער אין מיט׳ן ווינטער אויפ׳ן פֿראָסט. וויפֿיעל קומט איהם פֿון אייך דירה־געלד? — מאַכט דער רבי צו דער אלמנה.

— נישט מעהר זאָל ער פֿערמאָגען, ליבער גאָט, אַז בְּסַךְ הַכֹּל צאָהל איך אַ דרייעריל אַ חוֹדֶשׁ, קומט איהם פֿאַר דריי חֳדָשִׁים, דריי יאָהר זאָל איהם זיין וויסט און פֿינסטער, פֿאַר ראָש חודש תשרי, פֿאַר ראָש חודש חשון און פֿאַר ראָש חודש כסלו, האָב איך צוויי קערבליך געגעבען, צוויי מכּות זאָל זיך איהם זעצען, קומט איהם נאָך זיבען שמאַרדאָווניצים, זיבען יאָהר זאָל ער קריינקען אין הֶקְדֵּשׁ טאַטע געטרייער...

— ששש... לאָזט זיך דינען! — שלאָגט איהר איבער דער רבי — איהר פֿערשטעהט, קינדער, איבער זיבען קערבליך דירה־געלד זאָל זיך פֿערגינען אַ יוד אַ נגיד (איך וויל איהם נישט אָנרופֿען ביים נאָמען) אַרויסוואַרפֿען אין מיטען ווינטער אין אַזאַ ברענענדיגען פֿראָסט איין יודינע איין אלמנה מיט פיצליך קינדער, אַזאַ רציחה איז טאַקי נישט געהערט געוואָרען אין סְדוֹם! איך בין שוין געווען ביי איהם צוויי מאָל, גערעדט, געבעטען, ער וויל נישט הערען נישט זעהען. וואָס קען איך איהר העלפֿען? ס׳איז דאָ גרעסערע נְגִידִים אין שטעדטיל פֿון מיר, איך פֿערמאָג מיין אייגענס אַ האַלב קערביל, בין איך דאָס מְנַדֵּר, דאָס הייסט איך לייה דאָס איהר אויס ביז גאָט וועט איהר העלפֿען, דער איינענער נגיד, אָ ה ן דעם האַלבקערביל ווי מ י ט ׳ ן האַלבקערביל... און איך בעט אייך, קינדער, אַזוי ווי מיר האָבען נור וואָס געהאַט חנוכה, האָט מען דאָך אייך מִסְתָּמָא געגעבען חנוכה־געלד, זאָלט איהר געבען צו שטייער איטליכער וויפֿיעל ער קען, דאָס הייסט איהר זאָלט איהר אויסלייהען ביז גאָט וועט איהר העלפֿען, זי וועט אייך מסתמא אָבגעבען, וּבִזְכוּת זֶה וועט אייך אויך גאָט נישט פֿערלאָזען, וואָרום ער איז איין אֲבִי יְתוֹמִים און אַ דַיַּין אַלְמָנוֹת, אונזער גאָט איז אַ גרויסער גאָט, ער זיצט אויבען און קוקט אַראָב פֿון דער הויך און זעהט אַלסדינג וואָס אונטען טהוט זיך!...

יב.

דאָס וואָס איז פֿאָרגעקומען ביי אונז אין חדר נאָך דעם רעבינס ווערטער, לאָזט זיך ניט בעשרייבען, מע זאָל דאָס פֿערשטעהן בעדאַרף מען אַליין זיין דערביי. מע בעדאַרף אַליין זיין דערביי, בְּשַׁעַת דאָס יונגע קינדערשע האַרץ עפֿענט זיך אויף און איז גרייט אַרויסצושפּרינגען, בשעת דאָס הייליגע געפֿיהל וואָס ווערט אָנגערופֿען רַחֲמָנוּת צעגיסט זיך איבער אַלע אֵבָרִים, בשעת די אויגען פֿולען זיך אָן מיט טרעהרען, בשעת עס וויל זיך אַוועקגעבען יענעם די נשמה! איך געדענק נישט, ווער עס האָט צום ערשטען אַריינגעלייגט די האַנד אין קעשעני און אַרויסגענומען די ערשטע מַטְבֵּעַ? אויף איהם קוקענדיג האָט דער אנדערער אויך אַריינגעלייגט די האַנד אין קעשעני, נאָכדעם דער דריטער, דער פֿירטער, דער פֿינפֿטער, און אַזוי ווייטער און ווייטער, איינס נאָך דאָס אַנדערע; מע איז געקראָכען אין אַליין קעשענים, מע האָט אויפֿגעבונדען אַלע קניפּליך, און עס האָבען זיך געשאָטען מַטְבֵּעוֹת, קופּערנע און זילבערנע, דעם רבין אויפ׳ן טיש; איטליכער האָט אָבגעגעבען וואָס ער האָט געהאַט; ביי קיינעם האָט נישט געציטערט די האַנד; מע האָט געטראָגען די מטבעות מיט שִׂמְחָה, מיט גַּדְלוּת, מיט

און אָט דערמאַנט ער זיך אין יענע צייט, באַלד נאָך סוכות, ווען ער האָט געהאַט פֿערדינט פון דעם אַלטען פּריץ די פּאָר הונדערט גולדען, יאָ, ביים אַלטען פּריץ איז נאָך געווען צו פֿערדינען... טאַקע אַמאָל געריסען ביים בערדיל, אָבער פון זיך געוואָרפֿען אַ ביינדיל, דער יונגער לאָזט נאָר נישט צו זיך.

דעמאָלט אויף דער נאַכט איז ער אַהיים געקומען, אַוועקגע־רופֿען זיין ווייב אין אַ זייט, איהר איינגערוימט אַ סוד אין אויער, האָטש ס'איז קיינער נישט געווען אין שטוב, אַז ער האָט פֿערדיענט די 60 רובל פון שכרה פון תבואה פֿערקויפֿען.

זי, גערענקט ער, האָט זיך אַביסיל געהאַלטען גרויס, בּפֿלוּמ'ר'שט נאָך נישט גוט געטהון, אַביסיל אויף איהם זיך געבייזערט—, אַזוי פֿלעגט זי זיך תמיד פֿיהרען, ווען ער האָט עפּיס אַהיים פֿערדינסט געבראַכט.

און דערנאָך, דערנאָך האָט מען דעם אויווען געלאָזט איבער־שטעלען, ס'איז שוין טאַקע צייט געווען; זי האָט זיך געקויפֿט אַ פּאָר וואַרעמע ווינטער־שיך, און מיט איהם האָט זי געאַרבעט אַז ער זאָל זיך לאָזען מאַכען אַ פּעלץ. אין אַ פּעלץ, פֿערשטעהסט מיר, זעהט מען גאָר אַנדערש, אַנדערש אויס, מעהר בעל־בתישער".

א יודענע בלייבט אַ יודענע.

— „ניין, אַ חנוכה־לייכטעריל, ס'גערט צו חנוכה, פֿערשטעהסט מיר. לאַנג שוין צייט אויפֿצוהערען בענשען חנוכה־ליכט אויף אַ העלציל, נישט קשה, צו גאָט לייגט מען נישט צו, אַ חנוכה לייכטעריל, פֿער־שטעהסט מיר, אַ זילבער'נס איז עפּיס שוין גאָר אַנדערש, אַ חפֿץ אין בעל־בתיש־קייט — אַ קיום אויף אייביג.

ס'איז טאַקע אַזוי געבליבען, קויפֿען אַ חנוכה־לייכטעריל און לאָזען זיך איבערמאַכען דעם מאַנטעל אויף שבת.

דערנאָך, גערענקט ער—ווי ער האָט פֿערטרויט דעם סוד ר' לייזער'ן, דאָס ער וויל זיך קויפֿען אַ חנוכה לייכטעריל. פֿיער וואָכען האָט מען זיך געדונגען מיט ר' שמחה'ן, דאָך פֿאַר חנוכה האָט ער עס געקויפֿט, בעצאָהלט דערפֿאַר דריי און דרייסיג רובל מיט אַ האַלבען. נאַ, ר' שמחה וועט נישט גענאַרען, ר' שמחה איז אַן'ערליכער יוד.

דערנאָך האָט מען געמאַכט שבת־חנוכה אַ קידוש פֿאַר היימישע. יאָ, אַנדערע צייטען, אַנדערע צייטען זענען געווען.

און פֿון דעמאָלט אָן צינדט ער דערינען אָן חנוכה־ליכט, ער היט עס אָב ווי זיינע אויגען אין קאָפּ — דורכגעלעבט מיט איהם אין פֿרייד און לייד וויפֿיעל, וויפֿיעל יאָהרען.

נישט פֿערקויפֿט, נישט פֿערזעצט האָט ער עס אין די גרעסטע נויטען חוץ דעמאָלט ווען דאָס אומגליק האָט איהם געטראָפֿען, ווען זיין ווייב איז קראַנק געוואָרען.

נו, פּקוח נפֿש איז עפּיס אַנדערש...

אָבער אויף חנוכה עס אויסגעלייזט -- דעם מאַנטעל פֿערזעצט— עס איז קאַלט — נו, איז וואָס, זיצ'ן מען אין דער היים, אָבער חנוכה' דאָס זילבערנע חנוכה־לייכטעריל—, וואָס, מען איז קיין יוד נישט?"

די ליכטליך האָבען זיך אויסגעברענט. דער זיידע האָט זאָרגזאַם צוגענומען דאָס חנוכה־לייכטעריל פון פֿענסטער, עס נאָך אַמאָל אויסגעפּוצט מיט'ן שטיקיל טיכיל — וועהמוטיג דערויף געקוקט — אַזוי ווי דאָס חנוכה לייכטעריל וואָלט געווען זיין איניגסטער פֿריינד, וואָס פֿערשטעהט איהם אָהן ווערטער.

„דאָס חנוכה־לייכטעריל איז מיט איהם געווען דאָרט, וואו ער איז געווען בעל־בית פֿאַר זיך, אין זיין אייגען שטיביל — און איצט איז עס מיט איהם צוזאַמען דאָ, דאָ, וואו ער איז ביים זוהן דערנידערט און פֿערהשכ'ט.

אַ טרעהר האָט אַראָבגערונען פון אונטער די ברילען אויפֿ'ן חנוכה־לייכטעריל. די אַנדערע טרעהרען פֿאָלגען איהם נאָך.

„וואָס האָב איך זיך צו קלאָגען, טראַכט דער זיידע ביי זיך — געלויבט צו גאָט דערפֿאַר".

— וואָס וויינסט דו, טאַטע? — האָט איהם דער טאַטע מיינער געפֿרעגט בעמערקענדיג זיינע טרעהרען.

— עי — גאָר נישט — האָט איהם דער זיידע געענטפֿערט — „איך האָב געטהון אַ נוטען שמעק טאַבאַק, זענען מיר די אויגען איבער־געלאָפֿען מיט טרעהרען."

דער טאַטע האָט זיך אויסגעלאַכט.

שלום אַש.

---

## ווען כ'צינד די ליכטליך אָן די אַכט.

פּערלאַשען ווענען מיינע שטערען
און פֿינסטער איז די לאַנגע נאַכט,
דאָך הויבט מיר ליכטיג אָן צו ווערען,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן די אַכט!

---

מיין מאַכט און שטאָלץ איז לאַנג אַריבער
דער ווילדער שונא שפּאָט און לאַכט;
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גבור,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן די אַכט!

---

עס שטומען אַלע מיינע ליעדער
פון גבורה, העלדענטהאַט און מאַכט,
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן די אַכט!

---

איין אַלטער טרעהר מיין אויג פֿערדונקעלט
און האָט עס שיער נישט בלינד געמאַכט·
דאָך זעהט ווי העל צוריק עס פֿונקעלט,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן די אַכט!

***

---

פֿערגניגען, מיט'ן גאַנצען ווילען, מיט'ן גאַנצען, גאַנצען האַרצען! אַדרבה, וואָס מעהר עמיצער האָט אָבגעגעבען האָבען די איבעריגע אַלץ מעהר מקנא גע־ווען, מיין קערביל, דאָס פֿאַפּירענע קערביל, אַז איך האָב דאָס אויסגעווי־קעלט און אַנידערגעלייגט אויפֿ'ן טיש, האָט דאָס אָנגעמאַכט אַזאַ רעש, אַז דער רבי אַליין האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען, האָט מיך צוגערופֿען צו זיך.

— קום אַהער, דו שייגאַץ איינער, לאָס איך דיר חאָטש שענקען אַ פּאַטש!...

און עטיל־דבורה די אַלמנה, אַז דער רבי האָט צענויפֿגענומען, אי־בערגעצעהלט און אָבגעגעבען איהר די עטליכע קערבליך, האָט זי זיך אי־בער אַ נייעם צעוויינט און נישט אויפֿגעהערט צו שיטען מיט קללות אויסגע־מישט מיט ברכות, — קללות אויף איהרע שונאים'ס קעפּ און ברכות אויף אונזערע קעפּ.

— פֿאַר איטליכען גראָשען זאָל זיך איהם זעצען גאָטעניו, אַזוי פֿיעל מכות, איהר זאָלט ניט וויסען פון קיין נויט ווייל איהר וועט לעבען, עס זאָל איהם אַקעגען קומען דאָס בלוט וואָס ער האָט מיר אָבגעצאַפּט מיט מיינע קינדער, אויף קיין שלעכט אָרט זאָלט איהר ניט שטעהן, שטעהן זאָל ער פּראָוועצעס, איהר זאָלט פֿערמאָגען בכפל כפלים, ער זאַל נור געהן איבער די הייזער רבונו של עולם, איהר זאָלט קיין מאָל ניט בעדאַרפֿען אָנקומען צו יענעם, ער זאָל פֿערפֿוילט ווערען אין הקדש, גאָט זאָל אייך העלפֿען איהר זאָלט תמיד קאָנען נור געבען און געבען!...

---

קינדער! גאָט זאָל אייך העלפֿען איהר זאָלט תמיד קאָנען נור גע־בען און געבען!

— אַ סוף —

# יְהוּדִית.

(אַ היסטארישע ערצעהלונג פֿון צווייטען יאָהר הונדערט, נאָכ'ן בִּנְיַן בַּיִת שֵׁנִי).

פון

## ש. בן־ציון.

(פֿאָרטזעטצונג)

דער ראש העיר האָט געפּועלט ביים פֿאָלק צו וואַרטען נאָך 5 טעג — אפשר וועט גאָט העלפֿען, אפשר אַ רעגען — וועלען זיי נאָך קענען וואַרטען. ס'איז אפילו חודש כסליו און מען וועט אנווערען די צייט פֿון זעען אין פֿעלד — נאַר דרויף וועט מען שוין נישט קוקען, וועט נור גאָט מציל זיין פֿונ'ם שונא, וועט מען שוין ווי עס איז איבער־קומען דאָס יאָהר מיט אַלטער תבואה, אין נויט... נאַר וואַסער, אַ־טרונק וואַסער זאָל זיין! — דערום אויב זיי וועלען ביז ענדע 5 טעג נישט געהאָלפֿען ווערען פֿון דעם שרעקליכען דאָרשט, עפֿענט מען די טויערען דעם שונא. דער ראש העיר האָט דרויף צו געשוואָרען דעם פֿאָלק. און דאָס פֿאָלק האָט זיך אונטערגענומען צו טראָגען נאָך 5 טעג די גרעסטע יסורים, וואָס קען נור זיין אויף דער וועלט...

טהייל וועלען פֿאַלען, טהייל וועלען אומקומען פֿון זינען פֿאַר דאָרשט. — עלטערן וועלען בלייבען אָהן קינדער, — קינדער אָהן עלטערן... נאַר זיי מוזען נאָך זיין גרייט אויף די קרבנות אויך—דען זייער שטאָדט איז דאָך פֿאָרט דער טויער פֿון זייער פֿאַטערלאַנד -- ווי אַזוי זשע עפֿענט מען אַ וועג דעם שונא?...

פֿינף טעג... פֿינף אונענדליכע שרעקליכע טעג! — נאַר מען דאַרף נאָך וואַרטען ה אָ ט ש פֿינף טעג!... נ ו ר פֿינף טעג.

III.

אַז יהודית האָט דערהערט פֿון דער פְּשָׁרָה, וואָס די פֿאָר־שטעהער האָבען געמאַכט מיט דעם פֿאָלק, איז זי פֿערציטערט גע־וואָרען; זי האָט גאָר נישט געקאָנט גלויבען אַז מען זאָל אָננעמען איין אופֿן אויף אונטערצוגעבען זיך דעם שונא אָהן מלחמה...

זי פֿערבעט צו זיך די עלטסטע פֿון דער שטאָדט און זאָגט צו זיי:

— ווי קומט עס, עדלע העלדען פֿון מיין פֿאָלק, איהר זאָלט אַזא שבועה געבען? — קיין מענשענס געדאַנקען קענט איהר נישט וויסען, ווי אַזוי זשע ווילט איהר גאָט'ס געדאַנקען דערגעהן? — טאָמיר וויל אונז גאָט העלפֿען ערשט דעם זעקסטען טאָג?... און אויב גאָט וויל פֿון אונז אַ סוף מאַכען, וועט ער אונז דען נישט געפֿינען נאָך דעם ווי מיר וועלען זיך אַזוי נידערטרעכטיג אונטערגעבען דעם שונא? — רעכענט איהר גאָט איבערצושרעקען מיט אייער טערמין?

אונזער פֿאָלק איז איצט איבערגעגעבען צו זיין גאָט מיט אמת'ער אמונה, דאַרפֿט איהר, עלטערע העלדען, נור שטאַרקען זיין בטחון אין גאָט, פֿעסטער מאַכען זיין האַראַקטער! דערמאַנט זיי אַז אויב מיר עפֿענען די טויערען פֿון בְּתוּל — האָבען מיר שוין געווים אַלעס פֿערשפּיעלט, דאַן לאָזען מיר צו דעם שונא צום הייליגען בית־המקדש, ער זאָל עס חלילה מטמא זיין, ער זאָל הרוב מאַכען אונזער קרוין פֿון ירושלים — און דאָרט אויף דעם באַרג ציון וועלען אונזערע שונאים שכּור'ען, טרעטען אונזערע זקנים, און אונזערע יונגע און געזונדע אַוועק פֿיהרען געבונדען און פֿערקויפֿען פֿאַר קנעכט אין דער פֿרעמד — און דער הורבן פֿון אונזער לאַנד וועט פֿאַלען אויף א ו נ ז ע ר קאָפּ... דאָרט אין גלות - וועה! — ווי לאַכען און שפּעטען וועלען פֿון אונז אונ־זערע שונאים — און דער בזיון פֿון יעדער יודען, די קללות פֿון גאַנצען פֿערטריבענעם פֿאָלק — וועלען פֿאַלען נור אויף די איינוואָהנער פֿון בתול, וועלכע האָבען נישט געקאָנט שטעהן פֿאַר זייער לאַנד און פֿאָלק ביז אין דער לעצטער מינוט, וועלכע האָבען נישט געקאָנט אויסהאַלטען דעם נִסָּיון ביז אין סוף...

ניין! — אויב מיר שטעהען די ערשטע אין פֿייער פֿון דער מלחמה, דאַרפֿען מיר ווייזען דעם שענסטען בעוויז פֿון גבורה פֿאַר אונזערע אַלע ברידער, וואָס שטעהען הינטער אונזערע פּלייצעס — מיר דאַרפֿען אויסהאַלטען דעם נסיון — און כל זמן עס וועלען נאָך זיין יודען אין בתול, דאַרפֿען זיי וויסען, אַז זיי זענען די שומרים פֿון לאַנד, פֿון בית־המקדש און פֿון פֿאָלק.

בָּטֵל וּמְבוּטָל זענען געבליבען שטעהן די אַלטע גבורים פֿאַר דעם ווייבילס רייד...

זיי האָבען זיך איבערגעקוקט... אַרומגעקוקט... אַלע זענען שוואַך און שמאַך:

— מיר קענען נישט... אונזערע ווייבער, אונזערע קינדער... שטאַמלען זיי — מיר האָבען דאָך שוין געשוואָרען אויך... בעט זשע דו, פֿרומע יהודית! — בעט גאָט פֿאַר אונז, לאָז ער אונז געבען האָטש אַביסיל רעגען — און לאָמיר נישט אויסגעהן פֿון דאָרשט...

יהודית בעטראַכט די געפֿאַלענע גבורים.

און אַז נישט?...— טראַכט זי אין זיך — און אַז גאָט וועט מאַכען זיין נסיון אַזוי גרויס און וועט אונז קיין רעגען נישט געבען— וועלען מיר זיך דאַרפֿען אונטערגעבען?... און אַליין דאַרף מען גאָר נישט זעהן עפּיס צו טהון? איז פֿאַר אונז טאַקי נור צו ליעגען און צו וואַרטען דעם טויט? — נאַר וואס טהוט מען?

און אַ נייער געדאַנק ווערט ביי איהר אין מח געבאָרען, די האָר שטעכען איהר אין קאָפּ, דאָס בלוט קיהלט איהר פֿון דעם ווילדען געדאַנק... און זי ווערט צוריק אָנגעצונדען: „יאָ, זי וועט פּרובען העלפֿען איהר פֿאָלק!..."

זי מאַכט עטליכע טריט... בלייבט שטעהן בלייך און זאָגט שטיל און פֿעסט בעשלאָסען...

— יאָ — א י ך געה... איך וויל אַרויסגעהן צום שונא... איך געה אַליין — לאָזט מיך אַרויס פֿון שטאָדט... קיין שאלות פֿרעגט נישט וואָס... איך וועל נישט זאָגען, איך וועל געהן... און א י ה ר בעט נאָט ער זאָל בעגליקען מיין וועג.

VI.

אין דעמזעלבען טאָג פֿאַרנאַכט צו איז יהודית אַרויסגעקומען ריין און שען פֿערפּוצט אַזוי, ווי מען האָט זי געזעהן נור אַמאָל, ווען איהר מנשה האָט געלעבט: איהרע העלקאָליערענדיגע זיידענע קליידער זעהן זיך דורך דער גאַזע, וועלכע פֿערהילט זי אַרום ווי אַ גרינער דורכ־זיכטיגער וואָלקען. דאָס גאָלד פֿונקעלט פֿון איהר אַראָב: אַ גאָלד־געשטיקטער קאַרסאַזש האַפּט אַרום איהר איידעל געשטאַלט, אויף איהר שוואַרצען קאָפּ האָר שיינט אַ גאָלדענע דיאַדעמע, גאָלדענע בראָסליע־טען אויף איהרע ווייסע געטאָקטע אַרימס, ברייטע רינגען אויף אַלע פֿינגער, גרויסע לְבָנָה אויערהענגליך פֿונקלען און ציטערען פֿון אונטער איהרע אויערען, וועלכע קוקען אַרויס ווי בלייך ראָזעווע בלומען פֿון אונטער די שוואַרצע קרויזען...

דאָס קיילעכדיגע מילדע געזיכט עטוואַס בלייך אָבגעצויגען, קוקט איצט ערמונטערט; איהר קאָפּ האַלט זיך פֿעסט אויף דעם הויכען האַלדז, און נישט זי קוקט — נאַר זי בעפֿעהלט ווי אַ קעניגען מיט איהר בליק...

עס געהט איהר נאָך אַ אַלטע בעלאָדענע שקלאַפֿין: פֿונ'ם קאָפּ אַראָב אויף די פּלייצעס הייגנט אַ פֿול זעקיל מיט שפּייז, אַ לאָגיל ווייַן הייגנט איהר נאָך אויף דער רעכטער זייט, און אין דער לינקער האַנד טראָגט זי אַ פֿערמאַכט קריגיל בוימעל.

טרויעריג געהט נאָך די בעלאָדענע שקלאַפֿין מיט דעם שטעקען אין דער האַנד, קוקט פֿערוואונדערט אויף איהר שענער בעל־הבית'טע: זי פֿערשטעהט נישט נאָך וואָס, נאַר זי געהט נאָך אין דער סַכָּנָה...

וואָס אַמאָל פֿערגרעסערט זיך אַלס די מעננע מענשען, וואָס געהן נאָך יהודית'ן, און רעדען צווישען זיך שטיל און פֿערוואונדערט...

אַלע זענען אויפֿגערעגט..

זי קומט צו צום טויער פֿון דער שטאָדט, דאָרט שטעהען די פֿאָרנעמסטע לייט און העלדען פֿון בתול; פֿערגאַפֿט זענען זיי אַלע גע־בליבען שטעהן דערזעהנדיג זי -- אַזא גלענצענדע און אַזא שענע...

— א פֿערציערטער קרבן געהט צום מזבח... זאָגט דער גרייזער כהן אלהנן און צוויינט זיך מיט אַ צובראָכען ציטערענדיג אַלט קול...

ווייבער און קינדער, נאָך זיי אויך בעלי־בתים, אַלט און יונג, האָבען זיך צוּוויינט און צוּהליפּעט אויף אַ קול — די לופט ציטערט פון דעם הליפען... איינע, אַ מְקוֹנֶנֶת — אַ בעוואוסטע זאָגערן אין בתול— הויבט אָן זאָגען אַ קינה אין דערהויך:

„קלאָגט און וויינט, מענער און ווייבער — וועה וועה!"

„די שענסטע די פיינסטע געהט פון אונז אַוועק..."

יהודית'עס פעך שוואַרצע נידריג געצויגנע ברעם ווערען געדיכטער און נידריגער, זי טהוט זיך אַ קעהר צום עולם, בלייבט שטעהן ווי אויסגעגאָסען און אַ שטרענגער בליק פון די גרויסע שוואַרצע אויגען הייסט שווייגען...

עס ווערט שטיל.

זי מאַכט עטליכע טרעט צום אַלטען כהן אלחנן, שטעלט זיך אויף די קניה, בויגט אָן איהר שען פערציערטען קאָפּ...

דער אַלטער כהן הויבט אויף און לעגט אַנידער זיינע ציטערענדיגע געלבליכע הענד אויף דעם שוואַרצען קאָפּ:

— יהודית... יהודית! — רעדט ער הליפענדיג — איצט ביסטו ריין ווי אַ מלאך... אומבעפלעקט... — עס פערשטעקען זיך איהם די רייד אין האַלדז —

יהודית טהוט אַ קוק פון אונטען אַרויף גלייך דעם זקן אין די אויגען און זאָגט שטיל מיט אַ לייכטען שמייכעל:

— איך בין אַ טאָכטער פון שבט שמעון... שמעון און לוי האָבען מיט טייכען בלוט אָבגעוואַשען די פערפלעקטע עהרע פון זייער שוועסטער דינה... מיין שבט וועט נישט זיין פערשעמט מיט זיין שוועסטער...

דער אַלטער כהן ווערט ערמונטערט און בענשט זי מיט אַ קול:

יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ! — — —

אונזער גאָט זאָל דיך בשלום גיך צוריקברענגען מיט אַ ישועה!

— „אָמן!" — ענטפערט דער גאַנצער קהל...

(פאָרטזעטצונג קומט.)

---

# קאַליקעס.

## פון מ. ספעקטאָר.

### XI.

### מיט צוויי יאָהר שפעטער.

פלעצער און הייזער אין וואַרשא זענען געפאַלען, און דער קרעדיט איז אויך געפאַלען. די ביינק האָבען אויפגעהערט אַרויסצוגעבען געלד און צו דיסקאָנטירען וועקסלען; עס איז ניט דאָ וואו צו לייהען אַ רובל, האָטש שטרעק זיך אויס. מען לאָזט פערפאַלען דאָס האַנדגעלד, וואָס מען האָט געגעבען אויף פלעצער און אויף הייזער; די, וואָס האַלטען אין מיטען בויען, האָבען ניט מיט וואָס צו ענדיגען, די טערמינען פון וועקסלען לויפען אָן און עס איז ניט דאָ מיט וואָס צו צאָהלען, עס פעהלט ניט דער טאָג מען זאָל ניט הערען פון נייע באַנקראָטען, די נאָטאַריוסען האָבען קיין הענד ניט פון צו שרייבען די פראָטעסטען און די „סודעבנע פריסטאַוועס" קענען זיך ניט צורייסען: אַזוי פיעל האָבען זיי איבערצושרייבען ביי די בעלי־הובות.

דער האַנדעל האָט זיך אין גאַנצען אָבגעשטעלט, סחורה אויף קרעדיט גיט מען ניט און פאַר מזומן איז ניט דאָ ווער עס זאָל קויפען. פון דער פראָווינץ קומען אָן יעדען טאָג פודענווייז פראָטעסטירטע וועקסלען, און די סוחרים אין די גרויסע שטעדט מוזען זיך אויך, שטעלען.

אין אָדעס איז אַ צייט פון אַכט טאָג געוועזען באַנקראָטען אויף עטליכע מיליאָן, אין לאָדז איז שוין ניט דאָ ווער עס זאָל אָנזעצען, די קליינע פאַבריקליך האָבען זיך פערמאַכט, די גרויסע האָבען פערקלענערט די צאָהל פון די אַרבייטער, און ווער ווייסט וועמעס מאָרגען עס וועט זיין אפילו ביי די גרויסע. אין וואַרשא איז גאָר הושך, נעכטיגע גבירים, סוחרים זענען אויף מאָרגען אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, איבערגעלאָזט זייערע געשעפטען און הייזער אויף הפקר, טויזענדער מענשען, בוכהאַלטערס, פריקאַשטשיקעס און אַרבייטער, וואָס האָבען נעכטען געהאַט פרנסה, זענען אויף מאָרגען געבליבען אָהן ברויט, די סוחרים, וואָס זענען ניט אַנטלאָפען און זיך נאָך געהאַלטען אויף די פיס, האָבען פערקלענערט די צאָהל פון זייערע „מענשען".

צעהנערטויזענטער סוחרים, סוחרים'ליך, קאָמיסיאָנערען, מעקלערעס, און דרעהקעפּ זענען געבליבען אָהן ברויט, אָהן געשעפטען און מיט פראָטעסטירטע וועקסלען איינער אויף דעם צווייטען; איינער דעם אַנדערען לאַדט, נעכטען האָט בעריל פערקויפט געצלען די ביינקליך, מאָרגען האָט געצעל בערלען פערקויפט די ביינקליך, קיינעם קומט פון דעם לאַדעניש ניט אַרויס, ווייל איינער ביים צווייטען האָט ניט וואָס צו נעמען און די לעצטע יודישע רובלען געהען אַוועק אויף לאַדענישען.

די פוילישע קאַנטאָרען, וואָס פערקויפען צו צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס איין אייל פלאַין, האָבען זיך שוין פערמאַכט, ווייל יודען האָבען שוין ניט פון וואַנען צו טראָגען אַהין געלד, די פוילישע פּאַמעשטשיקעס זענען געבליבען ביים געלד און יודען ביי זאַמדיגער ערד, וואָס ברענגט קיין הכנסה. ביי טהייל פּאַמעשטשיקעס זענען פערפאַלען געוואָרען יודישע האַנדגעלדער און זיי זענען געבליבען אי ביים געלד אי ביי דער ערד.

די וואַרשאַווער אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָבען דערווייל שוין אויפגעהערט ווי פריהער צו שרייען אַז יודען נעמען אָב פוילען, זיי פערבויען די גאַסען מיט יודישע פּאַלאַצען און אַלע יודען ווערען מיליאָנערען אויף פוילישער ערד. מיט דער גרעסטער פרייד זעהען זיי איצטער ווי מיט יודיש געלד האָט מען אין די לעצטע עטליכע יאָהר געמאַכט וואַרשא, פאַר איינע פון די שענסטע אייראָפּעאישע שטעדט, אויף פיעל פון די פריהערדיגע גאַסען פון אַלטע איינגעבויגענע הילצערנע הייזליך, אָדער אויף זומפּיגע בלאָטיגע פלעצער שטעהען איצט שענע מויערען, געבויט נאָך דער נייעסטער אַרכיטעקטור.

נייע, גלייכע, שענע גאַסען, וואָס קענען בעשיינען יעדע גרויסע אייראָפּעאישע שטאָדט, זענען אין דער לעצטער צייט צוגעקומען אין וואַרשא און די וואַרשאַווער זענען איצט שטאָלץ אויף זייער שענע שטאָדט.

דאָס אַלעס איז פון יודיש געלד, פון יודישע פראַצע, פון יודישען מוֹח, פעהיגקייט און קענטעניס.

און וואו זע׳ען איצט די אַלע יודען, וואָס האָבען געבויט די פּאַלאַצען, די שענע גאַסען? טהייל זענען פון צרות און פאַר די בעלי חובות אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, טהייל זענען געבליבען טאַקע אין וואַרשא און האָבען ניט דעם קאָפּ וואו אַנידערצולעגען, און נור אַ קליינער טהייל זענען געבליבען „סטרוזשעס" ביי זייערע הייזער, אָבער אויך ביז אין אַ געוויסער צייט, ווייל אויף זייערע הייזער קומט אין די ביינק מעהר וויפיעל זייערע הייזער טרעפען אָן.

און וואו איז אַהין געקומען דאָס יודישע געלד, יודישע אַרבייט?

דאָס אַלעס איז געבליבען ביי די, וואָס האָבען געהאַט זאַמדיגע ערד, אַלטע איינגעהויקערטע הייזליך און פוסטע זומפּיגע בלאָטיגע פלעצער, וואָס האָבען קיין הכנסה געבראַכט און נאָך מעהר ביי די וואַרשאַווער ביינק.

אָט אין די ערטער איז אויך געבליבען הירשעלס גאַנצער נדן, הירשעל איז נאָך אפילו אַ בעל חוב געוואָרען גלייך מיט אַלע אַנדערע, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט הייזער, פלעצער און דיסקאַנטאַ.

אָנגעהויבען האָט זיך עס אַזוי גוט און גרינג גלייך מיט אַלע אַנדערע גביר'שע יונגע לייט, וואָס האָבען אָנגעהויבען האַנדלען מיט הייזער און פלעצער. אַדאַנק זיין שוועהר האָט ער געקויפט אַ הויז און האָט אין דעם ערשטען חודש פערדיענט מִיַּד לְיַד צעהן טויזענד רובל, דערנאָך האָט ער ווידער געקויפט אַ הויז מיט אַ פּלאַין און ווידער פערדיענט, דערנאָך האָט ער געקויפט עטליכע הייזער און פלעצער אויף אַזוי פיעל געלד, אַז זיין קאַפּיטאַל מיט דעם געלד, וואָס ער פלעגט בעקומען אויף די הייזער אין באַנק, איז ווינציג געוועזען, האָט

ער אָנגעהויבען אונטערשרייבען וועקסעליך און דיסקאנטירט פֿרעמדע און אָנגעהויבען בויען הייזער. דערנאָך ווען די הייזער און פלעצער זענען געפֿאַלען און עס איז ניט געוועזען וועמען צו פֿערקויפֿען מיד ליד, איז ניט געוועזען אפילו אויף דער הוצאה, האָטש בייס די הייזער; דערווייל זענען אויך אָנגעלאָפֿען די טערמינען פֿון די צאהלונגען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז הירשעל איז דערונטער מיט הונדערט טויזענד רובל.

זיין שוועהר ר' שלמה אהרן ווייסענזילבער האָט זיך נאָך פֿריהער געשטעלט פֿאַר דעם איידעם מיט פֿיעל אַ גרעסערער סומע געלד און האָט געמוזט לויפֿען קיין אויסלאַנד, און הירשעל איז געבליבען אין ווארשא ווי ער שטעהט אין נעהט מיט זיין ווייב און קליין מיידעלע. פֿאַר זיינע בעלי חובות האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, ווייל ער האָט גאָר ניט פֿערמאָגט, די נשמה קענען די בעלי חובות ניט פֿערקויפֿען, נאר וואָס טהוט מען מיט זיך אַליין — מיט זיין ווייב און קינד, וועלכע ער דאַרף מְפַרְנֵס זיין.

— וואָס זאָל איך טהון? ווי אַזוי זאָל איך מפרנס זיין מיין פֿאַמיליע? — פֿלעגט הירשעל זיך אַליין פֿרעגען — אַז איך טויג צו גאָר ניט, קיין זאַך האָב איך זיך ניט אויסגעלערענט, אַז איך זאָל וויסען וואָס איך בין. מען האָט מיך חַתוּנָה געמאַכט, געלד געגעבען, מען האָט מיר פֿאַרגעלעגט געשעפֿטען, די געשעפֿטען האָבען זיך אויסגעלאָזט שלעכט, וואָס טהוט מען ווייטער, צו וואָס נעמט מען זיך? — זוכען אַ שטעלע? — וואָס קען איך, צו וואָס בין איך פֿעהיג?

נאר קיינער, קיינער האָט הירשלען ניט געענטפֿערט אויף זיינע פֿראַגען, ער איז ניט געוועזען קיין איינציגער; טויזענדער געוועזענע סוחרים, קאָמיסיאָנערען, מעקלערס און אַזוי דרעהקעפּ, וואָס האָבען פֿערדיענט זייער פרנסה כל זמן עס האָט זיך גערעדעלט, האָבען זיך דערנאָך געפֿרעגט די איינענע פֿראַגען וואָס הירשעל.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ קורצע צייט און אין ווארשא הערט מען נור אמאָל פֿון די פּאָר געצעהלטע יודען, וועלכע זענען פֿון דער צייט, ווען פלעצער און הייזער האָבען געפֿלאַמט, געבליבען ביי עטליכע רובל, און וואו זענען אָבער אַהינגעקומען די איבריגע טויזענדער ווייסענזילבערס מיט הירשעלס, וואָס האָבען אויך געהאַנדעלט מיט הייזער, פלעצער און דיסקאנטע?

אין זיי האָט מען פֿערגעסען, פֿון זיי הערט מען ניט ווי גלייך זיי זענען גאָר אויף דער וועלט ניט געבאָרען געוואָרען. טהייל זענען זיך צולויפֿען אין אַלע פֿיער עקען וועלט, טהייל זענען זיך צופֿאָהרען צו די נאָהענטע קרובים אין די קלענערע שטעדט, אָנגעוואָרפֿען אויף זיי ווייב און קינדער, זיי זאָלען ניט שטאַרבען פֿאַר הונגער אָדער אויספֿריערען פֿאַר קעלט אין דער גרויסער שטאָדט, וואו עס קאָסט אַלס אַזוי טייער, און טהייל וואַלגערען זיך עד היום ערגיץ אין הינטערגאַסען אין די נאַסע שטיב־קעלערס, וואו זיי געהן אויס פֿאַר הונגער, און קיינער ווייסט פֿון זיי ניט. ענערגישערע פֿון זיי האָבען טאַקע אין דער גרויסער שטאָדט געעפֿענט „קאווינאַרניעס" אָדער „מיטאַגס", וואו זיי פֿערקויפֿען אַ גלאָז קאַווע פֿאַר פֿינף קאפּיקעס, אַ גלאָז טהע מיט לימענע פֿאַר דריי קאפּיקעס און אַ מיטאַג פֿון פֿיער שפּייזען פֿאַר צוויי און צוואַנציג מיט אַ האַלבער קאפּיקע, נאר די קאָנקורענץ אין דעם איז אַזוי גרויס געוואָרען, אַז ניט אַלע ענערגישע מענשען האָבען ביי זייערע נייע פרנסות געקענט בלייבען און זענען אויך גיך פֿערשוואונדען געוואָרען, און מען ווייסט ניט וואו זייער געביין איז אַהין געקומען.

אַפּילו אין לאָווראַווע ווייסט מען ניט, וואו הירשעל מיט זיין ווייב און קינדער זענען פֿערפֿאַלען געוואָרען.

זיין פֿאָטער ר' קלמן לאַוויצער איז נאָך פֿאַר אַ יאָהרען פֿון גרויס צרות און בזיון געשטאָרבען. נאָך זיין טויט האָבען די בעלי חובות זיין הויז פֿערקויפֿט און זיין ווייב שרה פֿייגע איז מיט די קינדער אַוועקגעפֿאָהרען צו איהר עלטערער אויסגעגעבענער טאָכטער. אין אָנהויב האָט זיך אין לאָווראַווע שטאַרק גערַעַשְ'ט פֿון ר' קלמן לאַוויצערס אומגליק און וואָס עס האָט זיך פֿון איהם אויסגעלאָזט, אַלע אין לאָווראַווע און אַרום לאָווראַווע האָבען וועגען דעם גערעדט, נאר וואָס ווייטער אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש האָט מען ווינציגער גערעדט, ביז מען האָט אין לאַוויצער מיט זיין פֿאַמיליע אין גאַנצען פֿערגעסען.

אין לאַוויצערס הויז געפֿינט זיך היינט אַ אָבטהיילונג פֿון אַ גרויס שטעדטיגער באַנק, וואָס לייהט געלד אויף אַ קליינעם פּראָצענט הויזבעזיצער און די וואָס האָבען פלעצער און ווילען בויען הייזער.

לאָווראַווער יודען האָבען זיך שטאַרק אָנגעהאַפּט אין דער באַנק, ווער עס פֿערמאָגט עטליכע הונדערט רובל, לייהט ביי דער באַנק עטליכע טויזענד און בויט אַ הויז אַזוי, אַז לאָווראַווע ווערט אַ שענערע און גרעסערע שטאָדט, מען בויט דאָרט אַ סך הייזער צוויי און דריי שטאָקעדיגע.

אפילו חיים, אידאס עלטערער שוועסטערס מאַן, בויט אויך אין לאָווראַווע, אַדאנק דער באַנק, אַ דריי שטאָקעדיגעס הויז... און פֿיעל אַנדערע קאַליקעס, וואָס פֿלעגען זיך פֿריהער אַרומדרעהען אין לאָווראַווע פּיסטע פּאַס אָהן שום געשעפֿטען, זענען איצט שטאַרק פֿערנומען מיט בויען אייגענע צוויי־דריי שטאָקעדיגע הייזער.

פלעצער אין לאָווראַווע ווערען איצט מיט יעדען טאָג טייערער, נעכטען האַט איינער געקויפֿט אַ פּלאַטץ פֿאַר פֿופֿצעהן הונדערט רובל אויף מאָרגען גיט מען צוויי טויזענד, לאָווראַווער יודען פֿערדיענען מיד ליד פֿינפֿהונדערט און טויזענד רובל אויף אַ פּלאַטץ.

אויף חיים'ן און נאָך אַנדערע געוועזענע אָרימע לייט זאָגט מען, אַז זיי האָבען אין פלעצער פֿערדיענט שען געלד און בכלל רעדט מען אַז אין לאָווראַווע האָט זיך דער יודישער מסחר שטאַרק געהויבען.

נור ביי נחמן ליפשיץ, דער נָאֶמָן און ביי בעריל וואַרעניק, דעם שוסטער איז קיין שום פֿערענדערונג אין זייער לעבען ניט פֿאָרגעקומען.

נחמן איז איצט אויך אַ לעהרער אין שטאָדט און שרייבט פֿאַר יענעם בריעף אויף פֿערשיעדענע שפּראַכען און האָט זיך זיין שטיקיל פרנסה ווי פֿריהער, ער איז נאָך קראַנקער און גרויער געוואָרען און אַ דאַנק זיין ווייב פעסיע האַלט ער זיך נאָך אויף די פֿיס און טהוט זיין אַרבייט, ער הערט עד היום ניט אויף צו שרייען אויף זיך אַז ער איז אַ קאַליקע און קלוגט זיך אַלֵין, וואָס ער האָט אַזוי יונג חתונה געהאַט און ניט אַוועקגעפֿאָהרען מיט זיינע חברים פֿון דעם פֿינסטערען לאַוואָרווע אין דער ליכטיגער וועלט אַריין, ווייל ער וואָלט שוין איצטער געוועזען אַ בעוואוסטער דאָקטאָר, אַ אינזשינער אָדער אַ בערימטער אַדוואָקאַט.

פעסי הערט ניט אויף אָנצושרייען אויף איהם ער זאָל אויפֿהערען פלאפלען, ער וואָלט אין דער פֿרעמד ניט געקענט זיין אַ מינוט אָהן איהר, ווייל קיינער וואָלט אַזוי ווי זי ניט געקענט איבערטראָגען זיינע קאפּריזען, נאר נחמן פֿאָלגט איהר ניט און רעדט ווייטער וועגען זיינע יונגע גליקליכע יאָהרען, ווען מען האָט זיך געצויגען פֿון דער פֿינסטערקייט און דער ליכטיגקייט.

(ענדע קומט).

---

## די יודישע וועלט.

**עסטרייך.** — דר. גאַבעל האָט געדרוקט איין אויפֿרוף אין דעם פּויליש-ציוניסטישען בלאַט Wschód, אין וועלכען ער לעגט פֿאָר אַז אַלע יודישע דעפּוטאַטען פֿון קינפֿטיגען פּארלאמענט זאָלען זיך פֿערבינדען צו איין נאַציאָנאַל־קלוב, כדי צו שיצען די יודישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אינטערעסען. אַזאַ קלוב וואָלטען געמוזט נוהג כבוד זיין אי די ממשלה, אי די פּאָליטישע פּאַרטייען. די יודען זענען נאָך זייער צאָהל (1,143,305 נפשות) די פֿינפֿטע נאַציאָן אין ציזלייטאַניען. אין לעצטען פּארלאמענט זענען געוועזען 10 יודען-דעפּוטאַטען, און ווען עס וואָלט געוועזען אחדות צווישען זיי, וואָלטען זיי געוועזען אַ שטאַרקע קראַפֿט און פֿיעל נוצען געבראַכט זייער פֿאָלק.

= נישט לאַנג זענען אַרויסגעפֿאָהרען פֿון טאַרנאָוו אין דער קאָלאָניע „מחנים" 12 נייע קאָלאָניסטען. די נייע קאָלאָניסטען ווילען טרעפֿען אין „מחנים"

אַ פֿאַרטיגע ווירטשאַפֿט און אויסגעבויטע הייזער. אין חיפה וועט זיי מקבל פנים זיין דער אַדמיניסטראַטאָר פֿון „מחנים" ה' בראָמבערג. די קאָלאָניסטען וועלען קענען אַריינקומען קיין ארץ-ישראל אָהן אַ שום שוויריגקייט.

— די געמיינדע וואהלען אין וויען. דער רעזולטאַט פֿון די וואהלען צו דער וויענער געמיינדע איז פֿאלגענדער: פֿון די 14000 וויענער איינוואָהנער', וועלכע האָבען דאָס רעכט צו וועהלען, האָבען זיך נור 3150 געשטעלט צו די וואהלען, און די איבעריגע זענען גאָרנישט געקומען. אויסגעקליבען זענען געוואָרען די העררען קאיז. ראַטה קלינגער אלס פרעזידענט מיט 1913 שטימען, דר. אלפרעד שטערן מיט 1831, דר גוסטאוו קאָהן (אויך פֿון זייטען דער ציוניסטען) מיט 3041, דר אלפרער בערגער מיט 1754 עמנואל האפפמאן מיט 1676, קאיז. ראַטה ווילהי פֿאָללאַק (אויך מצד די ציוניסטען) מיט 2972, און דר. מ. שטיינער מיט 1738 שטימען. אויף 2 מאַנדאַטען האָבען געדאַרפֿט זיין ענגערע וואהלען צווישען די ציוניסטישע קאנדידאטען ה"ה הערמאן עלטבאגען, און דר, לעאפאלד קאהן און צווישען ה"ה שטראַסבורג און א. געוויטש, נאָר ה' ה' לעאפאלד קאהן און שטראסבורג האָבען אָבגעטרעטען די מאנדאטען זייערע קאנקורענטען, און עס איז דארום אויסגעקליבען געוואָרען פֿון די ציוניסטישע קאנדידאטען ה' עלטבאגען דער אָבמאַן (פרעזידענט) פֿון יודישען פֿאָלקספֿעראיין און ה' איזידאר געוויטש, דער אָבמאַן פֿון איין איינצעלפֿעראיין פֿון פֿערבאַנד „ציון". ה' עלטבאגען האָט מודיע געווען אין אַ בריעף דעם ועד הפועל פֿון קאָנגרעס, אז ער וועט פֿערטרעטען אין דער קהלה אויך די אינטערעסען פֿון די ציוניסטען.

*

**רוסלאַנד.** — דעם 4-טען נאָוועמ' איז געווען דער יעהרליכער אַקט פֿון דער קייזערליכער קונסט אַקאַדעמיע אין פעטערבורג. נאָכהער האָט מען בעקוקט די אַרבייטען פֿון די שילער וועלכע האָבען בעקומען דעם טיטעל קינסטלער. צווישען זיי זענען געווען ליב אנטאקאלסקי (דער זוהן פֿון בעריהמטען סקולפטאר מ. אנטאקאלסקי) — פֿאַר דעם בילד „שלומית די טאָכטער פֿון הורדוס", און י. מ. קריגער פֿאַר דעם בילד „אויף דעם אורטהייל פֿון פראָפֿעסאָר", וועלכעס שטעלט פֿאָר, ווי מען פֿיהרט אַ יודיש יונגיל, וואָס קען גוט זינגען, צום פראָפֿעסאָר, כדי צו הערען זיין מיינונג וועגען איהם. עס איז ערפֿרייליך דאָס ביידע יודישע קינסטלער האָבען גענומען צו זייערע בילדער יודישע טהעמען.

— פֿון ווילנא שרייבט מען דעם „וואָסחאָד", אַז פֿאַר אַ יאָהרען האָבען די ווילנער סוחרים, פֿון וועלכע 80 פראָצענט זענען יודען, בעשלאָסען צו גרינדען אַ קאָמערץ-שולע אין ווילנא. עס איז דאמאלס געראַדע געווען פושקינ'ס יובילעאום און די ווילנער סוחרים האָבען זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט צו דערלאַנגען אַ ביטע צום מיניסטעריום, אַז מען זאָל זיי ערלויבען עפֿענען אַזאַ שולע צום זכר פֿון פושקינס נאָמען. מען האָט אויסגעאַרבעט אַ פראָיעקט פֿון די תקנות און צונויפֿגערופֿען איין אספה, וועלכע האָט בעשלאָסען אַז די אופראווע, זאָל פֿאָרשטעלען דעם פראָיעקט פֿון די תקנות דעם פינאַנץ מיניסטער און אויך סטאַרען זיך, אַז מען זאָל אַרויפלעגען אַ בעזונדערען אָבצאָהל אויף אַלע ווילנער סוחרים אויף איינריכטען און אויסהאַלטען די קאָמערצשולע. עס איז אַוועקגעאַנגען אַ לענגערע צייט און דער פראָיעקט פֿון די תקנות איז נישט בעשטעטיגט געוואָרען. איצט האָט מען געקראָגען פֿון פעטערבורג די דאָזיגע ידיעה: די שולע קען נישט ערלויבט ווערען ביז עס וועלען ווערען געענדערט די תקנות אין דעם זין: אַז 1) דער אויפֿזיכטסראַטה פֿון בעלי הבתים זאָל נור פֿיהרען די ווירטשאַפֿטליכע זאַכען; 2) 50 פראָצענט פֿון די שילער מוזען זיין רוסען פראוואסלאַוונע, א. ז. וו. ווי עס האָט זיך אָבער הערויסגעוויזען איז צווישען די ווילנער סוחרים נישטאָ מעהר ווי 3 פראָצענט פראוואסלאַוונע און דערום קען נאַטירליך נישט ווערען אויסגעפֿיהרט דער אַנטראַג פֿון מיניסטעריום, און די שולע קען נישט געעפֿענט ווערען.

— אין אָדעס איז געווען נישט לאַנג אַ גרויסע אספה פֿון ציוניסטען, כדי אויסצודריקען אַ פראָטעסט דער חברה יק"א, וועלכע האָט אָבגעזאָגט די יודישע פועלים אין ארץ-ישראל צו געבען זיי שטיצע. די אספה האָט אַוועקגעשיקט דעם פֿאַריזער קאָמיטעט פֿון דער יק"א אַ שריפֿטליכען פראָטעסט, אונטער וועלכען עס האָבען זיך אונטערגעשריעבען הונדערטער מענשען.

— ווייל דער וואַרשעווער יודישער שפּיטאַל לייגט צו יעדעס יאָהר בערך 60,000 ר', און ער האָט נישט קיין קוועלען פֿון וואַנען צו דעקען אַזאַ גרויסען דעפיציט, האָט דער שפּיטאַל בעשלאָסען צו סטאַרען זיך וועגען איין ערלויבניש, אַז מען זאָל אַרויפֿלעגען אויף יעדען פרעמדען נישט-שטאָדטישען חולה איין אָבצאָהל פֿון 1 רובעל פֿאַר יעדען מעת-לעת וואָס ער ליעגט אין שפּיטאַל; דער דעפיציט קומט נור דערפֿון וואָס מען נעהמט אויף קראַנקע פֿון פרעמדע שטעדט.

— דעם 12-טען נאָיאבר איז געווען אין פעטערבורג איין אַלגעמיינע פֿערזאמלונג פֿון דער חברה צו פֿערברייטען בילדונג צווישען יודען אין רוסלאַנד. פֿאַר דער פֿערזאמלונג האָט מען געמאַכט אין דער קאָהר-שול איין אֵל-מלא-רחמים דעם רוסישען פֿילאָזאָפֿען וו. ס. סאלאוויאוו. אויף דער פֿערזאַמלונג האָט דער פרעזעס באַראָן גינצבורג מודיע געווען וועגען דער אבדה שאינה חוזרת, וואָס די חברה האָט געליטען פֿערלירענדיג אין דעם יאָהר די מיטגליעדער סאלאוויאוו, די ראַבבינער ז. מינאָר און ש. פֿוכער. אויסערדעם האָבען דער פראָפֿעסאָר נ. י. באקסט און מ. י. קולישער געהאַלטען בעזונדערע רעדען וועגען סאלאוויאוו. ה' באקסט האָט געשילדערט דעם הויכען און מאָראַלישען כאַראַקטער פֿון סאלאוויאוו, וועלכער איז געווען דורכגענומען מיט אַ זיטליך-רעליגיעזען אידעאַל און מיט זיין טיעפֿען גלויבען געקענט דיענען פֿאַר אַ מוסטער אונזערע „גלייכגילטיגע" היינטוועלטיגע יודען. ה' מ. קולישער האָט געזאָגט אין זיין רעדע צווישען אַנדערעם: יעדער דור — זאָגט דער מדרש — האָט זיינע גרויסע לייט, זיין אברהם, יעקב, משה און שמואל און אויך היינט איז נישטאָ איין דור וועלכער זאָל נישט האָבען זיין מענשענפֿריינד, זיין יודען-בעשיצער אין דעם אָדער אין יענעם לאַנד. די צאָהל פֿון די דאָזיגע מענשען איז זעהר קליין, ווייל זיי זענען געקליבענע מענשען, וועלכע זענען שטאַרק אין שכל און וויסען און גרויס אין זייער כאַראַקטער און מאָראַל. אָנהויבענדיג פֿון דעם דייטשען דיכטער לעססינג און דעם ענגלישען היסטאָריקער מאַקאַליי און ענדיגענדיג מיט די רוסען פיראגאוו און סאלאוויאוו האָבען זיי אַלע געלאָכטען ווי דער נר-תמיד אין הייליגען טעמפעל פֿון אמת און גוטס.

וו. ס. סאלאוויאוו — האָט געגעבען איהר משפט וועגען איהם די גאַנצע רוסישע פרעסע — האָט פֿאַר זיך זעלבסט גאָר נישט פֿערלאַנגט און געזוכט; זיין געדאַנק איז שטענדיג געווען פֿערנומען נור מיט הויכע זאַכען". און ווען דער איידעלער מענש האָט עדות געזאָגט וועגען דער פֿיינקייט און הויכקייט פֿון דער יודישער מאָראַל וועלכע ער האָט גוט געקענט פֿון די העברעאישע ספרים, האָבען מיר דאָס רעכט צו האָפֿען אַז זיין שטימע וועט אַמאָל העכער קלינגען ווי די שטימען פֿון די מענשען, וועלכע האַנדלען מיט זייערע מיינונגען און פֿערשפרייטען די פֿינסטערניש מיט איהרע רוחות און טייוואַלים. וו. סאלאוויאוו האָט געקעמפֿט נישט נור געגען אויסענוועניגסטע שונאים, וועלכע ווילען אינו שלעכטס טהון, נאָר אויך געגען אינעוועניגסטע שונאים, אָדער יודישע פֿעהלער ווי אָבגעלאָזענהייט און גלייכגילטיגקייט. איינעגע פֿון די מענשען, וועלכע זענען איצט דאָ, געדענקען אַוודאי, אַז בשעת איך האָב געדאַנקט סאלאוויאוו'ן דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר געדריקטע און בעליידיגטע, האָט ער געענטפֿערט מיט די ווערטער פֿון זכריה הנביא: „לאָזט מיך געהען צוזאַמען מיט אייך, ווייל מיר האָבען געהערט אַז גאָט איז מיט אייך" (קאַפּ' 8, 23). זיינעם אַ פֿריינד האָט ער אַמאָל געשריעבען, אַז נאָכדעם ווי יודען זענען אויסגעשטאַנען אַזוי פֿיעל צרות, דאַרפֿען זיי שוין ניט מורא האָבען פֿאַר די אנטיסעמיטען. זיין גלויבען אָן דעם איז נישט געווען גלאַט אַזוי, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער מאמין און האָט געגלויבט אַז עס וועלען מקוים ווערען אויף יודען די ווערטער פֿון די נביאים, נאָר ווייל ער האָט טיעף פֿערשטאַנען די וועלטגעשיכטע און פֿון איהר גאַנצען גאַנג אַרויסגעזעהען אַז דער אמת וועט סוף כל סוף גובר זיין און בעהערשען די וועלט. גלויבענדיג אין דעם האָט סאלאוויאוו געזאָגט צו די יודען: „היט און פֿערפֿיינערט אייער גייסטיגע ירושה; זייעט גוטעס און אייביגעס, און וואָס איהר האָט געזייעט מיט טרעהרען אין אייער היסטאָרישען וועג, וועט איהר אַמאָל שניידען מיט פֿריידען".

נאָך די דאָזיגע רעדען האָט דער פֿאָרזיצענדער מודיע געווען וועגען דעם בעשלוס פֿון קאָמיטעט: צו גרינדען צום אַנדענקען פֿון וו. ס. סאלאוויאוו — 4 סטיפענדיען אין די פעטערבורגער שולען פֿון דער חברה און אויפֿצוהענגען סאלאוויאוו'ס בילד אין דער ביבליאָטהעק פֿון דער חברה.

נאָכהער האָט דער קאָמיטעט אויסגעקליבען 86 נייע מיטגליעדער צו דער חברה און איין עהרענמיטגליעדער, העררן ק. ארסעניעוו.

*

**פֿראַנקרייך.** — מיט דעם יודישען אָפֿיציער קאבלענץ איז נאָך אַלץ נישט שטיל; דער פֿראַנצויזישער קריעגסמיניסטער האָט געגעבען אַ בעפֿעהל צו די אָפֿיציערען אַז זיי זאָלען נישט מעהר פֿאָהרען אויף דער יאגד פֿון לעבאָדי, אַלס דעמאנסטראַציע געגען דעם האָט דער אָפֿיציערען-קלוב אויסגעדריקט לעבאָדי זיין בעדויערן וועגען דעם בעפֿעהל. דער Gaulois בעמערקט אַז צוליעב דעם יוד קאבלענץ האָט מען אָבגעזאָגט אין דער פאנטענעבלער קריעגס-שולע איין גענעראַל, איין עסקאדראָנען-קאָמאַנדיר און 10 קאפיטאַנען.

*

**אזיען.** — די יודען אויף די פֿיליפינישע אינזעלן. זייט די פֿיליפינישע אינזעלן זענען איבערגעגאַנגען פֿון שפאַניען צו די פֿעראייניגטע שטאַאטען, האָבען זיך דאָרט אָנגעהויבען צו בעזעצען יודישע עמיגראַנטען. אויף דער הויפט-אינזעל לאַססאָן האָבען זיך שוין בעזעצט מעהר ווי 400 יודישע פֿאַמיליעס אוים רוסלאַנד און מאַראָקקאָ. די דאָרטיגע צייטונגען געבען זעהר אַ גוטע מיינונג וועגען יודען און לויבען זייער פֿלייס. די יודען פֿערנעהמען זיך מעהרסטענטהיילס מיט האַנדעל, מלאכות און פֿאַבריקאַציאָנען.

---

## נדבה פֿיר רומעניש׳ע יודען.

מרת זעלדא בוטשער, הראַזאָווע 1,13 רובל.

---

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdruckerei Josef Fischer Krakau

## ייש ושפירט של פסח למבינים ולמהדרין.

הזאוואָד מיי"ש של פסח שלי, נוסד בשנת תרכ"ה, זה שלשים וששה שנים. השפירט שלי נודע ומפורסם בטוב טעמה, וריחה, וזך מראי, וביתרון הכשרה, (כי כל הפועלים והעוסקים בהזאוואד המה מאחינו, כשרים ונאמנים, וכל זר לא יבוא אל הבית בלי שומר) כאשר יעידון ויגידון, הרבנים הגאונים והצדיקים, הרבנים והמו"ץ דק' הוראדנא ואחי"ו ה"ה מרן ברוך מרדכי ליבשיטץ זללה"ה האבד"ק שעדליץ, ה"ה מרן אלי' חיים מייזיל שליט"א האבד"ק לאדז, האדמו"ר ר' גרשון העניך זללה"ה מראדזין, היה מרן יוסף דובער הלוי זללה"ה האבד"ק בריסק, ה"ה מרן חיים הלוי סאלאווייצקי שליט"א האבד"ק בריסק, ה"ה מרן יצחק אלחנן זללה"ה האבד"ק קאוונא, ה"ה מרן שלמה הכהן שליט"א המו"ץ דק"ק ווילנא, כל הקונים יוכלו לקבל היי"ש פסח בקבוקים בני 1/10 1/20 היו, מהזאוואד שלי מוכן למכירה ישר לידיהם. גם בעלי בתים הקונים לעצמם, יוכלו להשיג ישר מזאוואד שלי, כן נמצא אצלי יי"ש ישן, ומניקה (אָציש-צינע) הדורשים יפנו אלו כלתובתי:

**Б. Г. ЯФФЕ, Гродно.**

נאום דובער בהגאון מוה"ר מרדכי נימפל זללה"ה יפה.

---

## סוחרים! איך קויפע

צו יעדערצייט „מוטטערקאָרן", (Роньки, Шпуръ), „שפאניער פליע-גען" (מייקים) אין „ליטאפאדיום" (פילווישקי) צום העכסטען פרייז.

D. Andermann, Brody (Austria).

---

## מעטאָדען צו לערנען שפראכען אהן א לעהרער!

פערפאַסט פון יוסף סלאנימסקי:

1. פראנצעזישע „Parlez-Vous Français?" פרייז 75 קאָפּ.
2. ענגלישע „Will you Speak English?" " 75 "
3. דייטשע „Sprechen Sie Deutsch?" " 75 "
4. שפאנישע „Habla Usted Espanol?" " 20 "

מיט פארטא, פער נאַכנאַהמע נאָך 17 קאָפּ.

דיעזע מעטאָדען ענטהאַלטען אַללע לעזע-כללים און פיעלע איבונגען אין דער אויסשפראַכע, אַ פראַקטישע גראַמאַטיק, פילע נעט-היגע אומגאַנגס-געשפרעכען, פיעל ערצעהלונגען און בריעף, ווי אויך ווערטערביכער; ערקלערט אלעס אין זשאַרגאָן. איינינע שטעלען זענען אויך מיט רוסיש און לשון-קודש'ע ווערטער ערקלערט.

**Іосифу Слонимскому**, Варшава Королевская 49.

---

## נייעס!! נייעס!!



ברוכבענדער עלעקטרא-גאל-וואנישע היילען גרינדליך נאך קורצען געברויך, ווי עס איז איבער-צייגט געוואָרען, אז נאך 3 מאָנאט-ליכען טראגען, ווירד דער ברוך פאָללשטענדיג אויסגעהיילט. פרייז פאָן איינער זייטע 6 רובל, צווייזייטיג 10 רובל. בויכבינדען פיר פרויען, עלאסטישע זאקען פיר געשוואָלענע פיס, אונד פערשיע-דענע אַנדערע כירורגישע ארטיק-לען — צו בעקומען נור ביים אָפטישען-כירורגישען געשעפט אונ-טער דער פירמא: אלעקסאנדער, סענאטאָרסקא 22 ווארשוי.

אדרעססע:

„АЛЕКСАНДРЪ"
Сенаторская ул. № 22,
Варшава.

דא עס האט זיך געצייגט דאס מען מאכט נאך דיעזע ברוכבענדער ביטען מיר אויפמערק-זאם צו זיין אויף די אָריגינעלע מיטין סטעמפעל פאָן אונזער פירמא.

---

## עקזיסטירט פאן 1824-טען יאהר
### פאבריק פון פלאטירטע כלים
### יוזעף פראזשע

ווארשוי, עלעקטאראלנא Nr. 16

**Józef Fraget**

w WARSZAWIE, ul. Elektoralna Nr. 16.

אייגענע געשעפטען געפינען זיך:
אין ווארשוי: סענאטארסקא 17 — קראקויער פאָרשטאדט 69 — נאלעווקי 16. אין לאָדז: פיאטרקאווסקא 61.

---

נאָר וואָס אַרויס ✡ פון דרוק

## יודישע פאָלקס-ליעדער מיט נאָטען

פון מ. מ. ווארשאווסקי

מיט א פאָררעדע פון שלום-עליכם.

---

### פראכטפאללע אויסגאבע.

פרייז 1 רובל מיט פאָרטאָ.

ציוניסטען בעקומען 25% ראַבאַט און מוכרי-ספרים — נאָך בעדינגונג.

צו בעקומען ביים פערפאַסער לויט אדרעסע:

Въ Кіевъ, **М. Житомирская** 18. Присяжному Повѣренному **М. М. Варшавскому.**

---

## צוקערניע ש. שפיגעלגלאז

ווארשא, נאלעווקי Nr. 10

(פאָרמאלס איגעלזאָהן) וועלכע עקזיסטירט זייט 18 יאהר. פון דער צייט און זייט איך האב זי איבערגע-נומען אונטער מיינע אויפזיכט האָב איך פיעל פערבעסערונגען איינגעאר-דענט. רייך, כשר, בילינ. בעשטעלונ-גען ווערען פינקטליך אויסגעפיהרט, היער און אויף דער פראָווינץ. פיעלע דאַנקען בריעפליך אויך מינדליך.

די צוקערניע בעזיצט 24 צייטונגען צום לעזען.

---

**Парижская папиросная бумага**

## „Ле Дерніеръ Картушъ"

требовать исключительно гильзъ а также папиросныхъ книжекъ изъ настоящей французской бумаги „Ле Дерніеръ Картушъ"

Бумажка эта признана Химичес. Лаборатр. Варшав. Императорск. Университета САМОЮ ЛУЧШЕЮ.

Образцы бумажки разныхъ сортовъ высылаетъ безплатно.

**ТОРГОВЫЙ ДОМЪ**

**Л. ЗИЛБЕРЛЯСТЪ**

**въ ВАРШАВѢ**

Граничная улица № 6.

---

יצא לאור

## קטלוג גדול נו' 4

הכולל רשימת כל ספרי „אחיאסף" וספרים אחרים הנמצאים למכר בבית מסחר הספרים של אחיאסף וישולח חנם לכל דורש.

Издательство „Ахіасафъ", Варшава.
Verlag „ACHIASAF", Warschau.

---

## פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש און דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פרעגט אָן ביי:

Варшава, Госпожѣ Бертѣ Найдичъ.

# 1901 הַשִּׁלֹחַ 1901

## מכתב־עתי חדשי למדע לספרות ולעניני החיים

## שנה רביעית

### יוצא לאור בכל חודש כמאז מן יאנואר 1901

המו"ל: חברת אחיאסף. העורך: א. גינצבורג.

„השלח" במשך שנות קיומו קנה לו מקום נכבד בספרותנו, וכל טובי הקוראים העברים כבר יורעים את מהותו, את צורתו המוסרית והספרותית, את רוחו הכללי ואת השקפותיו היסודיות. על כן די לנו לאמר, כי „השלח" יהיה גם בעתיד מה שהיה עד כה, לא ישונה ולא יתחלף, זולתי בדבר אחד שצרכי השעה דורשים לעשותו, כי בעת הזאת, שהתעוררות הלבבות הולכת וגדלה והתשוקה מתחזקת בעם, להבין את כל הנעשה בקרבו — יקדיש „השלח" מקום יותר רחב לחלק הפובליציסטיקא והבקורת וישתדל יותר לתת לקוראיו השקפות נכונות על החזיונות החשובים בהתפתחות חיינו וספרותנו בהוה. אולם גם חלק הספרות היפה — ספורים ושירים — והענינים המדעים לא יגרע, כי אם יגדל בטובו וערכו.—

תנאי החתימה על „השלח" ברוסיה: לשנה 6 רו"כ. לחצי שנה: 3 ר', לרבע שנה לא תתקבל החתימה על „השלח" לבד.

להחותמים על מכה"ע השלח והדור ביחד

**יוזל המחיר בשני רו"כ**

וישלמו: לשנה — 10 רו"כ. לחצי שנה 5 רו"כ. לרבע שנה 2,50 ר'.

כתבת המו"ל:

Издательство „АХІАСАФЪ", Варшава. Verlag „ACHIASAF", Warschau.

---

## הנחה לחותמי „השלח" ו„הדור"

החותמים על מכה"ע „השלח" ו„הדור" ביחד או על אחד מהם יוכלו להשיג ספרי הוצאת „אחיאסף" הרשומים מטה, כלם או חלק מהם, בחצי מחירם, וכל אחד מחותמי „הדור" ו„השלח" החפץ ליהנות מההנחה ולהביא אל ביתו ספרים יקרי הערך במחיר מצער, ישלח מחירם כפי המחיר הרשום בזה (היינו בנכיון 50 % ממחיר הקצוב בקטלוג) בהוספת דמי הפארטא. כל אחד מהספרים אפשר להשיג ג"כ מכורכים בכריכת בד מהודרה, ועבורה יש להוסיף עוד 20 קאפ' בעד כל כריכה.

### ואלה המה הספרים ומחירם לחותמי „הדור" ו„השלח":

| | לקונים אחרים | | לחותמי „הדור והשלח" |
|---|---|---|---|
| ר' יהודה הלוי, ב"ח | 98 ק' | (פארטא 10) | 50 קאפ' |
| ר' אברהם בן עזרא, ב"ח | 112 „ | „ 12 | 55 „ |
| לקוטי קדמונים (ר' האי גאון, ר"ש שרביט הזהב, ר' דונש בן לברט) | 42 „ | „ 6 | 20 „ |
| ר' יהודה אלחריזי תחכמוני | 138 „ | „ 14 | 70 „ |
| החנוך, ספענסער | 91 „ | „ 12 | 46 „ |
| מכתבים ע"ד הספרות ד. פרישמאן | 50 „ | „ 4 | 25 „ |
| מגלת ספר, ר"י עמדן | 1— „ | „ 12 | 50 „ |
| התורה והחיים בימי הבינים, ד"ר מ. גידעמאן, שלשה חלקים | 390 „ | „ 44 | 185 „ |
| ירמיה הנביא, פראפ' לאצארוס | 40 „ | „ 6 | 20 „ |
| ר"י ליפמאן צונץ, ש. פ. ראבינאוויטש | 160 „ | „ 18 | 80 „ |
| דעת אלהים, דר. ש. ברנפלד, חמשה ספרים | 275 ק' | (פארטא 26) | 140 קאפ' |
| ספרות ישראל, פרופ' מ. שטיינשניידער, ארבעה ספרים | 195 „ | „ 20 | 60 „ |
| תולדות שי"ר, דר. ש. ברנפלד | 80 „ | „ 10 | 40 „ |
| דרך תשובה, צלפחד בר חושים התוהה | 25 „ | „ 4 | 15 „ |
| דרך לעבור גולים, מ. לילענבלום | 75 „ | „ 8 | 40 „ |
| לקורות היהודים ברוסיא ופולין, בן־ציון כ"ץ | 50 „ | „ 6 | 25 „ |
| מיכאל זקש, ד"ר, ש. ברנפלד | 75 „ | „ 8 | 50 „ |
| תולדות הריפורמציון הדתית, ב"ח, דר. ש. ברנפלד | 125 „ | „ 16 | 65 „ |

### הנחה מיוחדת לחותמי „הדור"

מלבד הספרים המנויים למעלה, יוכלו להשיג רק חותמי „הדור" לבדם את ספרי הוצאת אחיאסף הרשומים מטה למקחים נמוכים מאד, שהם כדי שליש המחיר הקצוב, ואלה הם הספרים:

| | המחיר הקצוב | | לחותמי הדור |
|---|---|---|---|
| דניאל דירונדה עליוט תרגום פרישמאן | 168 ק' | (פארטא 16 ק') | 60 ק' |
| בירניקה שומאכער „ | 170 „ | „ 20 | 75 „ |
| אפרים ק ה אויערבאך | 63 „ | „ 10 | 25 „ |
| דין והשבון טריוואש | 28 ק' | (פארטא 6 ק') | 14 ק' |
| הגיתו החדש דר. הירצל | 40 „ | „ 6 | 20 „ |